STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08952

IN GERANGL FUN TOG

Minnie Smaller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין געראַנגל פון טאָג

מינע סמאלער

אין געדאנק פון טאג

(דערציילונגען)

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון
ברענטש 37 א. פ. פ. אָ.
מיט דער מיטהילף פון משפחה,
קאַמענעבראָדער סאָסייעטי
און פערזענלעכע פריינט.

ניו-יאָרק, 1950

צייכענונג פון דזשאָרדזש ביילין

Printed in the United States of America by
The Shoulson Press, New York
255

אין ליכטיקן אָנדענק

מײַן זון

א י ל אַ י

אינהאַלט:

אַ מענטש איז ניט אַלעמאָל גאַנץ — 9
חבר'טע מאַמע — 18
אַ שטעטל האָט אויפגעוואַכט — 28
צוויי מאַמעס — 35
וויקטאָר'ס פרימאָרגן — 43
פענסי באָטנהאָלס און פּאַקעטס — 49
האָלברוק און זיין זון — 57
אין אַ נאַכט אַזאַ — 61
אַשיש — 67
אין אַ הויז אין האַרלעם — 71
נייטן דער פּרעסער — 75
אַ פאַרשטערטע „געים" — 79
זיך געביטן מיט די ראָלן — 83
געשלאָסענע הענט — 87
איינע פון אַ סך — 90
דער יוניאָן־מאַן — 94
לייבצע באָק — 97
פאַר אייביקע זעקס חדשים — 100
זי האָט געוואַגט — 106

אַ מענטש איז ניט אַלעמאָל גאַנץ

לואי און סיידי זיינען געזעסן אין באַזונדערע ווינקלען פון דער פוסטער טונקעלער קיך, ביידע ברוגז'ע, ווי נאָך אַ־בישט דערענדיקטער קריג, ווען דאָס וויכטיקסטע דאַרף איצט אַרויסגעזאָגט ווערן, און וואַרט נאָך, ווער עס וועט נאָכאַמאָל אָנפאַנגען...

ער — אַ מיטל־וואוקסיקער, ברייט־ביינערדיקער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר; די הויכע נאָז סטאַרטשעט שאַרף אַרויס פון די אָפּגעצויגענע, איינגעפאַלענע באַקן; די שוואַרצע אויגן טיף אַריינגערוקט אונטער דעם הויכן ברייטן שטערן. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין ווייסן עמאַלירטן טיש אין ווינקעלע פון קיך, די קני צוזאַמענגענומען, דער פּנים אַריינ־געלייגט אין די אויפגעשפּיצטע הענט. זי — איז געזעסן אויף אַ שטול צווישן סינק און אויוון, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויף דעם שוואַרצן קאַלטן בלעך; זי האָט געהאַט אַ פייכטן גלאַנץ אין די אויגן; אירע ליפּן האָבן נערוועז געציטערט.

מינוטן האָבן זיך געצויגן אין פּײַנלעכן שווייגן. פּלוצלונג האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקער עפן די טיר. עס איז אַריינגעלאָפן סילוויע מיט אַ רעש. „מאַ, גיב אַ פּעני. איך וויל קויפן אייז־קרים". דאָס קינד באַגעגנט דער מוטער'ס בליק און גיט אַ טרעט אָפּ. ס'לויפט צו צום אָפּענעם ברויט־קעסטל, הויבט אָן צו זוכן, לויפט צוריק צו דער מוטער. „מאַ, וואו איז מיין האַלבער ראָל? איך האָב אים איבערגעלאָזט פון ברעקפעסט!"

די מאַמע רעדט אַרויס צווישן די ציין: „בעני האָט אים אויפגעגעסן". דאָס מיידעלע איז אויפגערעגט. „גיב מיר אַן אַנדער ראָל, מאַ". דאָס מיידעלע וויינט. סיידי קוקט אויף איר אומבאַוועגלעך מיט פולע פאַרטראַכ־טע אויגן, ווי זי באַנעמט נישט, וואָס מען רעדט צו איר. סילוויע רייסט זי פאַר דער האַנט: „מאַ, איך וויל עסן. איך בין הונגעריק. פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעגעבן מיין האַלבן ראָל?" סיידי גיט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ, הויבט זי אָן טרייסלען און גיט זי אַ וואָרף מיט אַ ווילדן אויסגעשריי: „גיי, גיי צו אים! רייס פון אים שטיקער! איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן! איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן! איך קען מער נישט!" „גיי, גיי צו אים! איך קען שוין מער ניט אויסהאַלטן! איך קען מער ניט!"

מינע סמאַלער

לואי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד. אַ צאַפּלדיקס, אַ דערשראָקנס. „ביזט משוגע געוואָרן? וואָס שלאָגסטו דאָס קינד? וואָס איז זי שול־דיק!" עס האָט זיך דערהערט אַן איבערגעשראָקענער קינדערשער קול פון צווייטן צימער. סיידי האָט זיך אָנגעהויבן קלאַפּן מיטביידע הענט אין קאָפּ, מיטווילדע קולות: „איך וועל זיך דאָס לעבן נעמען! איך קען שוין מער ניט אַריבערטראָגן, איך קען ניט!" לואי איז צו איר צו־געלאָפן, זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. ער האָט זי אָנגעהויבן איינגעמען. „סיידי, באַרואיק זיך, סיידי, דו האָסט איבערגעשראָקן די קינדער. האָב רחמנות אויף זיי".

סיידי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול און געיאָמערט: „איך קען מער נישט צוזען די ליידן פון די קינדער. איך האָב שוין נישט וואו צו לייען און באָרגן, אַלץ פאַלט אויף מיין קאָפּ. דו ביזט די טעג נישטאָ אין הויז. דו זעסט נישט, וואָס איך לעב דאָ דורך. איך קען שוין מער נישט. סיידן איינגאַנצן מאַכן אַ סוף."

דער פאַרשלאָפענער ווילי איז צוגעלאָפן צו סיידין, אָנגעשפּאַרט זיין שוואַרץ געלאָקט קעפּל אויף איר שויס און זיך אויף דאָס ניי פאַנאַנדער־געוויינט. סילוויע איז צוגעגאַנגען צו איר אַ כליפּענדיקע, האָט איר אָנ־געהויבן גלעטן דאָס פּנים, די הענט. „מאַ, פּליז, וויין נישט, איך וויל שוין נישט קיין עסן, איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט זיין הונגעריק. וויין נישט, מאַ, וויין נישט!"

לואי האָט אָפּגעלאָזט די הענט. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן קיך, ווי אַ פרעמדער, אַ צעטומלטער. אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן נישט וויסנדיק אַן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. איז מיט אַמאָל אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער, שנעל אַרויסגעקומען מיט אַ צוזאַמענגעקנייטשטער הוט אין האַנט, צוגעגאַנגען נאָענט צו דער ווייבל. „סיידי, איך גיי, איך גיי, שטיל איין די קינדער". ער האָט געגעבן אַ שטאַרקן עפן די טיר און איז שנעל אַרויסגעלאָפן פונעם הויז.

* * *

לואי איז געלאָפן שנעל. ער האָט נישט געפילט ווי די פיס טראָגן אים. ער האָט נאָר געפילט אַ שטאַרקע היץ אין קאָפּ. אַקוראַט ווי די הויט וואָלט אים געברענט אונטער די האָר־וואָרצלען. אַ היציקע כוואַ־ליע האָט זיך אים צעגאָסן איבערן גאַנצן פּנים. עס האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער וואונטש, ווי דאָס וואָלט געווען זיין איינציקער פאַרלאַנג: „אַ ווינטעלע, כאָטש איין קליין ווינטעלע, כאָטש אַביסעלע אָפּצוקילן די שטאַרקע היץ אין פּנים".

אַ מענטש איז ניט אַלעמאָל גאַנץ

אַ שטאַרקער קלונג פון אַ גרויסן טראַק־האָרן האָט אים מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט. אַ טראַק האָט זיך אָפּגעקירעוועט האַרט לעבן אים. פון דעם טראַק האָט דער טרייבער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און אים גראָב געזידלט. לואי האָט געגעבן אַ טראַט אויף צוריק, ער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן, געכאַפּט אַ קוק אויף אַלע זייטן: וואו איז ער דאָס? וואָס האָט פּאַסירט?

ער האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ ביטערן שמייכל. ער וואָלט שוין איצט געלעגן אונטער די גראָבע צוויי־פּאַכיקע רעדער. עס איז אים דורכגעלאָפן אַ ציטער איבער זיין גאַנצן קערפּער. די פיס האָבן זיך אויך מיט אַמאָל אַ בויג געטאָן. ער האָט געפּרואווט אָנכאַפּן עפּעס אַ פאָדים פון אַ געדאַנק, אָבער אין קאָפּ איז געווען אַזאַ שווערע געדריקטקייט. נאָר דאָס האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן. ער האָט דערפילט, אַז ער האַלט זייער שטאַרק צוזאַמענגעדריקט די הוט צווישן די פינגער, אַט ווי מען האַלט אין אַ צאַפּלדיקע זאַך, וואָס מען טאָר נישט אַרויס־לאָזן. ס'האָט אים געגעבן ווי מיט אַ האַמער אַ קלאַפּ אין די שלייפן: אפשר ווערט ער משוגע. וואָס איז דאָס מיט אים?

ער האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך. די פיס זיינען אים געווען שווער. ער האָט זיך געשלעפּט, נישט וויסנדיק, אַז ער קלערט נאָך אַלץ פון גאָר־נישט. ער האָט נאָר אויפגעכאַפּט גאַסן־קלאַנגען. „העי, דזשעק, וואַרט!" האָט איין יינגל נאָכגעשריען אַ צווייטן, און ער האָט די ווערטער נאָכגערעדט וואָרט נאָך וואָרט. „פּרעסינג ענד קלינינג פיפטי סענטס", האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די ווערטער פון אַ גרויסן רויטן שילד, און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם קול, וואָס האָט אים געקלונגען אַזוי פרעמד און טעמפּ. ער האָט זיך געגעבן אַ קוק אַרום. האָט כאָטש קיינער נישט געהערט? ווי ער האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַר זיין אינערלעכער רואיקייט. עס אַרט אים איצט קיין זאַך נישט. אַזאַ טיפע גלייכגילטיקייט צו דעם געשעענעם און צו דעם וואָס עס וועט געשען. ער האָט דערפילט, אַז זיינע ליפּן פאַרקרימען זיך אין אַ שמייכל, כאָטש ער וויל נישט שמייכלען. עס האָט אים ווידער אַ פּוק געטאָן אין מוח ווי מיט אַ שנאָבל: אפשר איז דאָס טאַקע משוגעת, פילן טאַקע מענטשן אַזוי איידער זיי ווערן משוגע?

ער האָט אָנגעהויבן שטעלן שנעלע טריט, ווי וועלנדיק צו אַנטלויפן פון עפּעס, וואָס יאָגט אים נאָך.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו טראַכטן: וואָס וועט ער זיי דאָרט פאָרט זאָגן? און וואָס וועט ער זיי פאָרט ענטפערן אויף זייערע פראַגן? ער מוז דאָך זיך מיט עפּעס צוגרייטן... ער האָט מיט די פינגער אַוועק־געשאַרט די האָר פון דעם שטערן, ווי דאָס זאָל אים זיין אין וועג, ווי דאָס

מינע סמאָלער

שטערט אים טראַכטן. ער האָט אָנגעהויבן ציילן די גאַסן. אָט איז ער שוין באַלד דאָרטן. אין איין און דרייסיקטע גאַס. עס האָט זיך אין אים געגעבן אַ שטאַרקן צאַפּל דאָס האַרץ — און עס קלאַפּט, קלאַפּט. ער האָט אַרויסגערעדט אין דער הויך דעם נומער. ער האָט ווידער געגעבן מיט די פינגער אַ פיר איבערן שטערן, ווי אָפּצושטעלן „דאָס", וואָס עס רירט זיך דאָרטן. שוין בעסער די פריערדיקע גלייכגילטיקייט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. אויב נישט, וועט ער נישט קענען אַרויפקומען.

ער האָט אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערזען שטיין שוין אינעם אָפיס, האַרט לעבן דעסק. פון יענער זייט דעסק זיצט די גראָבע, מאַסיווע זאַך. אים שווינדלט אין קאָפּ, אין די אויגן, און ער קאָן אָט די גראָבע זאַך מיט די אויגן נישט באַנעמען. אַ ברייטער פּנים. קליינע פאַרגאָסענע אויגעלעך שמייכלען שטעכיק. עס שטשירען זיך שאַרפע גלאַנציקע ציין: „אָ, דו ביזט אויך דאָ?" די שטימע לאַכט. „דאָס האָסטו שוין אויך דערזען, וואו עס איז דער ריכטיקער פּלאַץ"... אין קאָפּ שווינדלט לואי'ן אַלץ שטאַרקער.

ער קוקט אַריין טיף אין דעם ברייט־צעעפנטן מויל. ערגעץ האָט ער געזען אַזאַ מין חיה, מיט אַזאַ גראָבער און אומגעלומפּערטער ברייטקייט, אָט מיט אַזעלכן שוואַרצן ברייטן אָפענעם מויל און מיט אַזעלכע שאַרפע גלאַנצענדיקע ציין. ער געדענקט נישט, צי האָט ער יענע חיה געזען ערגעץ אין אַ פּאַרק, צי אויף אַ בילד... ער האָט געגעבן אַ דריי מיטן קאָפּ, ווי צו פאַריאָגן אָט דעם נאַרישן געדאַנק. אָבער עפּעס ווילט זיך אים טאָן. ער האָט געגעבן פּאַמעלעך אַ הויב אויף די האַנט... ער האָט דערזען, אַז ער האַלט נאָך אַלץ די הוט צוזאַמענגעדריקט צווישן די פינגער. ער האָט די האַנט צוריק אַראָפּגעלאָזט און שטאַרקער מיט די פינגער געדריקט די הוט, ווי וועלנדיק זיך אָן עפּעס שטאַרק אָנהאַלטן.

ווען ער איז געגאַנגען צוריק, האָט ער שוין געהאַלטן אין דער צווייטער האַנט אַ לענגלעך בלוי קאַרטל. ער האָט צוזאַמענגעדריקט דעם פויסט מיט דעם קאַרטל. ער האָט געפילט, ווי ער האַלט דאָרט אַ שטעכיק גיפטיק חיה'לע, און וואָס שטאַרקער ער וועט דאָס צוזאַמענדריקן, אַלץ שנעלער וועט ער עס דערשטיקן...

אויף מאָרגן האָט ער שוין געאַרבעט אין שאַפּ, די אַרבעטער האָבן אים ביים אַריינקומען אָפּגעמאָסטן מיט שטומע בליקן און שטיל אַרונטערגעלאָזט די קעפּ.

טעג האָבן זיך געצויגן אַזעלכע לאַנגע, שווערע טעג זיינען געקראָכן. אויסער דעם טעמפּן רעווען פון די מאַשינען האָט אין שאַפּ געהערשט

אַ מענטש איז ניט אַלעמאָל גאַנץ

אַ פּאָר׳כישוף׳ט שווייגן. אַ שוואַרצער יאוש איז געזעסן אינעווייניק און טרויעריק געגאָגט. און אָט דאָס שווערע שווייגן איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין די היימען. לואי האָט אויסגעמיטן צו ריידן מיט דער ווייב, און מיט די קינדער, טאָמער וועלן די ווערטער אַרויס מיט אַ נערוועזן אויסגעשריי.

עס איז געקומען אַ נייער פרילינג. אין די גאַסן אַרום די פּוטער־שעפּער האָבן מיטאָג־צייט זיך צונויפגעקליבן רעדלעך פּוטער־אַרבעטער, איינגעטעה׳ט איינע מיט די אַנדערע. אין שאַפּ האָט לואי דערפילט, אַז איבער די קעפּ הויבט אָן צו שוועבן אַ וואַרעמער אָנזאָג אויף ליכטיקייט. פאַרשטייענדיקע בליקן, אונטערדריקטע שמייכלען האָבן זיך באַוויזן אויף די שווערע, ביז אַהער פאַרגליווערטע פּנימער.

ס׳איז געווען אַ מילדער זומערדיקער פרימאָרגן. לואי איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווי אַלע טאָג. צוקומענדיק נעענטער צו דער זיבעטער עוועניו, לעבן אַכט־און־צוואַנציקסטער גאַס, איז ער געבליבן שטיין מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און אָפענעם מויל: די הויכע פעסטע געביידע, וועלכע פאַרנעמט אַ גאַנצן בלאָק און שניידט זיך טיף אַריין אין דער אַכט־און־צוואַנציקסטער און ניין־און־צוואַנציקסטער גאַס, איז פון אַלע דריי זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער און באַוועגלעכער קייט פון מענטשן.

ווי פון עמיצן אונטערגעזאָגט, האָט לואי שנעל אָנגעהויבן אונטערצולויפן מיט אַ געפיל, ווי עפּעס האָט געטראָפן ביי אים אין שטוב און ער איז נישט געווען דערביי. ווען ער איז צוגעקומען צום ראָג, האָבן זיך אים געגעבן אַ בויג־אונטער זיינע פיס; אין מוח האָבן אַ קלונג געטאָן די אויפגעכאַפּטע ווערטער: „דער גאַנצער בילדינג סטרייקט! קיינער קען נישט אַריין.״

פאַמעלעך, ווי אַ גנב, האָט זיך לואי אַריינגעפּלאָנטערט צווישן געדיכטן עולם. ער האָט געוואָרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ נישט געקענט באַנעמען, וואָס דאָ טוט זיך. פון אַלע דריי זייטן ביי די גרויסע אָפענע טויערן זיינען אין דער גאַנצער ברייט געשטאַנען די סטרייקער אין אַ געדיכטע געשלאָסענער קייט פון יונגע קרעפטיקע פלייצעס, פייער־פינקלענדיקע אויגן, שטייפע מוסקולירטע הענט, צוזאַמענגעקרעמפּטע פויסטן: זאָל נאָר דער שונא וואַגן צו אַטאַקירן! פינגער וועלן זיך קראַמפּן אַרום זיין גאָרגל.

לואי האָט אַרומגעשפּאַנט פון איין אַריינגאַנג צום צווייטן, — פריער מיט נייגעריקייט, נאָכדעם מיט פריידיקן געפיל, וואָס אַלץ איז איינגע־

אָרדנט מיט אַזאַ זיכערער און שטאַרקער האַנט. פּלוצלונג האָט ער צווישן דער געדיכטער מאַסע מענטשן דערזען אַ פּאָר אַרבעטער פון זיין געווע־זענעם שאַפּ, די, וואָס זיינען געבליבן אין דער קעמפערישער יוניאָן. זיי זיינען דאָ איצט געווען די „קעפּטנס" פון די פּיקעט־בריגאַדעס.

לואי האָט זיך געגעבן אַ שאַר אַוועק אין אַ זייט. ער האָט זיך אָנ־געשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער גלאַטער מאַרמאָר־וואַנט. אין קאָפּ האָט אים אַ יאָג געטאָן אַ כוואַליע רייצנדיקע געדאַנקען. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פון איינעם אַ רעדנער: „ווער עס גייט נישט דורך די פּיין פון קאַמף, דער פילט נישט די פרייד פון זיג"... לואי האָט אַ טראַכט געטאָן — און דער גע־דאַנק האָט געשטאָכן:

— „איך — וואָס בין איך? וואָס טאַנץ איך דאָ אַרום מיט אַזאַ פרייד? האָב איך זיי געהאָלפן? געקומען צום גרייטן. פע..."

ער האָט געגעבן אַ שפּיי. די געדאַנקען האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט. אין שונא'ס לאַגער זיך איבערגעבן מיט געפאַלענער אונטערטעניקייט. זייער אָפענע פאַרקויפטקייט אַראָפּגעשלונגען. אָבער יענע — זיי האָבן פרייע אויגן, אַ פריי געמיט...

די געדאַנקען זיינען אין אים געלאָפן שנעל, זיך אָנגעקלעפּט איינער אָן דעם אַנדערן, ווי אין אַ פאַרפּלאָנטערט חלום. ער דערמאָנט זיך: ווען ער איז געווען אין דער מלחמה, האָט ער געזען, אַז די, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דעם קאַמפּס־פעלד האָט מען אַוועקגעשטעלט צום וואַנט און זיי געשאָסן. אָט אַזוי, ווי ער שטייט איצט, אַ זינדיקער און וואַרט אויף דעם אורטייל, וועלן זיי דען נישט וועלן מיט אים זיך אָפּרעכענען?...

ער פרעסט זיך אַלץ טיפער צו דער וואַנט.

„העי, לואי", גיט אים אַ רוף אַ געוועזענער אַרבעטער פון זיין שאַפּ, „וואָס שטייסטו דאָ אַליין? אַריין אין פּיקעט־ליין! דיין גאַנצער שאַפּ שטייט שוין דאָ פון הינטן. שפּאַר זיך אַריין אין דער ריי. זיי אויף דער וואַך!"

לואי האָט זיך געגעבן אַ שטאַרקן טרייסל. די קני האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט. „וואָס, מען שיסט?" האָט זיך געגעבן ביי אים אַ רייס אַרויס אויפן קול. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, און צעטומלט זיך אַרומ־געקוקט, צי קיינער האָט נישט געהערט. „וואָס פאַר אַ שיסן?" האָט אים יענער פאַרדעכטיק אָנגעקוקט. „אָט, גאַרנישט", האָט לואי שנעל פאַר־כאַפּט. „איך האָב דאָ געהערטריידן, אַז די פּאָליסלייט וועלן שיסן." „האָב קיין מורא נישט, איך וועל דיך פאַרשטעלן", האָט יענער מיט שפּאַס אַרויסגערעדט.

א מענטש איז ניט אַלעמאָל גאַנץ

לואי האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק מיט וואַקלדיקע פּיס און אַ קלאַפּנדיק האַרץ. דער ברייטער טראָטואַר פאַר דער גאַנצער געביידע איז געווען איין געדיכטע באַוועגלעכע וואַנט. שיינענדיקע פּנים׳ער, מוטיקע בליקן, פריילעכע שטימען. די פּאָליסלייט זיינען געשטאַנען ביי די זייטן מיט אַראָפּגעלאָזטע גראָבע גלאַנציקע שטעקנס.

לואי האָט געשפּאַנט. דאָ און דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַלטע באַקאַנטע — פון געוועזענע שעפּער און פון געוועזענע קאַמפּן. זיי האָבן אַלע צו אים געשמייכלט אַזוי פריידיק און היימיש. לואי האָט צו זיי געשמייכלט צוריק. ער האָט אָבער געפילט, אַז אין זיין שמייכל דריקט זיך נישט אויס אַזאַ פרייע זיכערקייט, ווי אין זייערע. אין זיינע אויגן האָט זיך נישט דורכגעזען דער אָפענער פריידיקער גלאַנץ, ווי ביי זיי. עפּעס זיינען די אויגן ביי אים געווען ווי מיט אַ נעפּל באַצויגן. אַ משא האָט געדריקט אויף זיין געמיט.

לואי האָט זיך געפילט אַלץ ערגער. עס איז אים באַלד געוואָרן נישט איבערצוטראָגן. ער מוז עפּעס טאָן. ער מוז אַראָפּוואַרפן די פּרעסנדיקע שווערקייט פון זיין נשמה. ער מוז קענען פריי אויפאָטעמען. ער וועט ערשט דעמאָלט קענען אויסשרייען אויפן גאַנצן קול: איך בין איינער פון אייך! טיף אין האַרצן בין איך אַלעמאָל געווען מיט אייך! עס איז מיין קאַמף, מיין פּיין, מיין פרייד!

ער גיט פלוצלונג שאַרף אַ טראַכט: אָבער וואָס פאַרט זאָל איך טאָן, כדי דאָס צו באַווייזן?

עס גיט אים אַ שטאָך אין האַרצן. ער דערמאָנט זיך, ווי יענער האָט איבער אים פריער געשפּאָסט: אַז ער וועט אים נישט לאָזן שיסן, ער וועט אים פאַרשטעלן. פאַר אַ שוואַכלינג האַלטן זיי אים... ער וויל אָנהאַלטן דעם פאָדים פון יענעם געדאַנק. וואָס האָט ער פריער געטראַכט? וועגן שיסן? און דאָס נאָך אַרויסגערעדט הויך אויפן קול. איז דאָס נישט דער אָנפאַל פון אָט יענע משוגעת׳ן?... ניין, ער מוז זיך באַפרייען פון דעם. עפּעס מוז ער טאָן צו באַפרייען זיך פון דעם קאָשמאַר.

די הענט האָבן זיך אים פאַרמאַכט אין צוויי פויסטן. ער האָט געגעבן אַ ברייטן שפּאַן אַרויס פון דער ריי און מיט שנעלע איילנדיקע טריט זיך געלאָזן גיין. ער איז געגאַנגען האַסטיק, אונטערשפּרינגענדיק מיט ברייטע שפּאַן, ווי ער דאַרף עמיצן נאָכיאָגן. דער קאָפּ איז אים געווען אַזוי שטיל, רואיק. אין האַרצן האָט ביי אים געטליעט אַ באַהאַלטענע צאַפּלדיקע פרייד.

פונקט ווי דעמאָלט, אַזוי האָט ער איצט אויך נישט געוואוסט ווי

מ י נ ע   ס מ אָ ל ע ר

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען שוין אין אָפּיס. דער זעלבער אָפּיס; דער זעלבער שרייב־טיש. הינטערן שרייב־טיש, די זעלביקע ברייטע שמאָל־צענע שווערע באַשעפעניש. און דאַכט זיך, אָט ווי דעמאָלט הויבט אים איצט אויך אָן צו שווינדלען אין די אויגן, אין קאָפּ. און אָט הויבט ער אויף די האַנט, — אַזוי ווי דעמאָלט, אין יענעם טאָג. און די זעלבע פאַרגאָסענע אויגעלעך שמייכלען צו אים, שטעכיק. און דאָס ברייט־צעעפנטע מויל שטשירעט די ווייסע שאַרפע ציין, און ווי שטעכיקע שפּיז־לעך פאַלן אויף אים די ווערטער:

„מאַלאַדיעץ, לואי, ביזט געקומען צו לויפן אַהער. איצט האָסטו באַ־וויזן, אַז דו ביזט לאָיאַל. דו וועסט אונדז העלפן זיך אָפּרעכענען מיט די פאַרדאַמטע רויטע!... דו וועסט שוין איצט זיין פאַרזיכערט צו מאַכן אַ לעבן. מיר וועלן דיך באַוואָרענען".

לואי פילט, אַז די ליפּן פאַרקרימען זיך אים אין אַ ציטערדיקן שמייכל. ס'איז פּונקט דער זעלביקער שמייכל, ווי דעמאָלט. אָבער די הענט גיבן זיך פלוצלונג אַ הויב, ווי פון זיך. די פויסטן זיינען שטאַרק צוזאַמענגע־דריקט און זיי לאָזן זיך אַראָפּ מיט אַן אימפּעט, — איינס, איינס...

ווי אַזוי דאָס איבעריקע האָט פּאַסירט, געדענקט ער נישט. ער האָט נאָר דערפילט, אַז קרעפּטיקע הענט, ווי צוואַנגען, האַלטן אים אַרומגע־קרעמפּט און מען שלעפּט אים אויף די שטיגן. פון דעם קאָפּ און פון דעם מויל פליסט אַ וואַרימע געזאַלצענע פליסיקייט, און ער זינקט ערגעץ אַלץ טיפער און טיפער.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז ער געלעגן ביי זיך אין בעט, פאַרבאַנדאַזשירט דער קאָפּ, דער פּנים, נאָר אַ שמאָל שפּעלטעלע פון איין אויג האָט זיך אַרויסגעזען. לעבן אים איז געשטאַנען סיידי. הינטער איר האָט ער געזען עטלעכע אַרבעטער פון זיין שאַפּ און אַ פּאָר באַקאַנטע פּנים'ער פון פּיקעט־ליין. ער האָט זיך געגעבן אַ זעץ אויף, דערפילט אַ שטאַרקן טיפּן שטאָך אין קאָפּ און איז צוריק שווער אַוועקגעפאַלן. אָבער כאָטש דער קאָפּ איז אים געווען שרעקלעך שווער, האָט ער געפילט אַ לייכטקייט. ס'איז אים אַלץ געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך. ער האָט אַלץ באַנומען וואָס דאָ האָט געטראָפן — און ער האָט געוואוסט, אַז ביי זיך איז ער גערעכט. אַזוי האָט געדאַרפט זיין.

ער האָט אויף אַ ווייל פאַרמאַכט די אויגן. ס'איז געווען שטיל אַרום, נאָר אין קאָפּ האָט אים געזשומעט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„אָבער איך האָב זיי געוויזן וואָס הייסט לאָיאַל זיין. זיי וועלן געדייב־קען"...

אַ מענטש איז ניט אַלעמאָל גאַנץ

„אָבער דאָס איז דאָך נישט דער וועג", האָבן זיך דערהערט שטימען צווישן די חברים.

סיידי האָט אַ מאַך געטאָן: זאָל מען איצט שווייגן. ער איז צו שוואַך צו ריידן.

זי האָט אים צערטלעך געגלעט די הענט. זייערע פינגער האָבן זיך באַגעגנט מיט אַן אויפגעוואַכטן וואַרימען ציטער. ס'האָט זיך געדאַכט: זיי ריידן, כאָטש ס'האָבן זיך נישט געהערט קיין ווערטער: — פאַרגיב מיר... — אפשר בין איך גאָר אין אַלעמען שולדיק...

„מאָרגן אויף דער פּיקעט-ליין", האָבן זיך אָפּגערופן שטימען.

„איך אויך", האָט סיידי געזאָגט מיט אַ פריידיק-אויפגעלעבטער שטימע, גלעטענדיג אים די האַנט. „מיר וועלן זיך מאָרגן אַלע טרעפן אויף דער פּיקעט ליין!", האָט זי נאָכגעשריען די אוועקגייענדיקע חברים.

1932

חבר'טע מאַמע

מיסעס גיבסאָן איז היינט אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלעמאָל. שטיל, שעפּטשענדיק צו זיך אַליין, האָט זי צוגעגרייט דעם אָנבייסן און אָנגעפּילט די דריי שוואַרצע קעסטעלעך מיט עסן פאַר דעם מאַן מיט די צוויי עלטערע קינדער. היינט איז דער ערשטער טאָג וואָס די צוויי עלטערע קינדער, רעימאָנד און דזשאָרדזש, גייען אַרבעטן. שפּעטער זיינען אויפ־געשטאַנען דער מאַן מיט די קינדער. מען האָט זיך געפּילט יום־טוב'דיק און אויך אין אַ געדריקטער שווערקייט. טאַטע־מאַמע האָבן שוויגנדיק זיך איבערגעקוקט. אָט, דאָס דערלעבט. וועלן זיי גיין אין גלייכן וועג, וועלן זיי העלפן שלעפּן דעם שווערן יאָך פון לעבן.

נאָכן אָנבייסן האָט די מיסעס גיבסאָן מיט פרומער הייליקייט דער־לאַנגט די בלעכענע קעסטעלעך אין די הענט יעדן איינעם; זי האָט זיי שטיל אַ ברכה נאָכגעשיקט און זיי נאָכגעקוקט דורכן פענצטער, ביז די דריי געשטאַלטן זיינען פאַרשוואונדן פון אירע אויגן. אַ שכנה פון קעגנ־איבער באַגריסט זי.

— אָט, דאָך דערלעבט נחת. ביידע קינדער גלייך געענדיקט סקול און גייען שוין אַרבעטן. דורכגעשטופּט די אַכצן יאָר, איצט וועט שוין זיין גרינגער.

דערהערנדיק די צאָל יאָרן, גיט מיסעס גיבסאָן אַ קלאַפּ אין האַרצן. זי גיט זיך אַ דריי אויס, לאָזט זיך שטיל אַרונטער, וויל אָנהאַלטן דעם פאַ־דעם פון דעם אויפגעוואַכטן געדאַנק. אַכצן יאָר זינט איר ערשט קינד איז געבוירן געוואָרן... עס ציען זיך פאַר איר דורך יאָרן פון הונגער, נויט, קראַנקהייטן. זי האָט זיך נישט אַרומגעקוקט נאָך דער חתונה, ווי זי איז באַלד באַפאַלן געוואָרן מיט צוויי קליינע קינדער. איר מאַן, אַ שווערער אַרבעטער אין אַ שטול פאַבריק, האָט נישט פאַרדינט גענוג צום לעבן. זייענדיק פרומע קריסטן, האָט מען געוואָלט אָנהאַלטן דעם יחוס, מען איז געווען מיטגלידער אין קלויסטער, אין פרומע סאָסייעטיס, און ס'האָט אויף קיין זאַך נישט געקלעקט. זי האָט געמוזט ווערן אַ בריה.

אין די שפּעטערע שעה'ן פון דער נאַכט און אין די פריע שעה'ן פון די פרימאָרגנס פלעגט זי אָפּטאָן די הויז־אַרבעט, און די טעג איז זי געגאַנגען אַרבעטן אין פרעמדע הייזער. זייער נאָמען אין שטעטל איז געוואַקסן, זיי

חבר'טע מאַמע

האָבן איבעראַל געצאָלט די חובות אין צייט. אַז דער אייגנטימער פון דעם שפּייז־קרעמל האָט מער נישט געוואָלט באָרגן צו די, וואָס האָבן נישט באַצאָלט פּינקטלעך צו דער וואָך, האָט ער פּאַר אַ ביישפּיל געשטעלט די גיבסאָן־פאַמיליע. אָט פאַרוואָס צאָלן זיי אין צייט? די אַרבעטער פון זיין אָפּטיילונג און די שכנים פון זייער גאַס האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט אויסערלעכן דרך ארץ און אינערלעכער שנאה. די שכנות פלעגן מיט קנאה רעדן צווישן זיך:

— די וועלט רייסן זיי איין. ער אין פעקטאָרי, און זי אין די הייזער, דער טייוול אַרבעט אין זיי.

זיי האָבן אָבער נישט געוואוסט, אַז גאַנצע נעכט וואַרפט זי זיך אין קראַמפן, אין קרעכצעניש, אַז די הענט דרייען איר פון שטענדיקן וואַשן די וועש. די פיס זיינען איר געשוואָלן פון שטענדיקער באַוועגונג.

אָט אין די שווערע, פינצטערע שעה'ן, פלעגט דער מאַן זי טרייסטן: אָט נאָך אַ פּאָר יאָר, די קינדער וועלן אויסגעוואַקסן, וועלן זיי גיין אַרבעטן און זי וועט זיך שוין קענען אָפּרוען.

ענדלעך האָט מען דאָס דערלעבט. ווי פאַרמאַטערט און אַלט זי פילט זיך איצט! זי באַטראַכט אירע דאַר־אָדערדיקע הענט. דער פּנים איז איינגעשרומפּן, צעקנייטשט. זי איז ערשט פערציק יאָר אַלט. ס'באַפאַלט איר אַ געפיל פון אומעט און גלייכצייטיק פון דאַנקבאַרקייט. וועט איר דאָס לעבן איצט ווערן גרינגער? זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר דער הייליקער בילד אויף דער וואַנט, געדאַנקט און תפילה געטאָן.

* * *

מיסטער גיבסאָן האָט אַריינגעפירט זיינע צוויי זין אין שאַפּ און מיט אַ פאַטערלעכן שטאָלץ זיי פאָרגעשטעלט פאַר דעם פאָרמאַן. דער פאָרמאַן האָט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— אָט, צוויי געזונטע לאָשיקעס אויסגעהאָדעוועט. זיי וועלן דיר שוין באַצאָלן פאַר דיינע גרויע האָר.

דער פאָרמאַן האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער אָפּטיילונג. די אַרבעטער האָבן צווישן זיך אַ בורטשע געטאָן:

— אויב זיי וועלן גיין אין טאַטנ'ס דרכים וועלן שוין די יונגע דאַרפן די נשמה פון זיך אַרויסיאָגן, זיי נאָכצוהאַלטן.

נאָך די ערשטע עטלעכע וואָכן, ווי די קינדער זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, איז מיסעס גיבסאָנ'ס געמיט געוואָרן געדריקטער. ביי יעדן אָוונט־מאָלצייט האָט זי מיט אַנגסט זיי באַטראַכט:

— זיי קוקן אויס אַזוי פאַרמאַטערט, אַ ביסל בלאַס געוואָרן.

מ י נ ע   ס מ אָ ל ע ר

נאָכן עסן פלעגן זיי באַלד אָוועקפאַלן שלאָפן. דער מאַן האָט זי גע־טרייסט:

— זאָרג נישט, אַלטע, זיי זיינען נאָך יונגע פערדלעך, מען דאַרף זיי איינברעכן.

ביסלעכווייז האָבן די גיבסאָנס דערזען אַן ענדערונג איןביידע קינדער, פריער אין דעם עלטערן. רעימאָנד איז מיט אַמאָל ערנסט געוואָרן. ביים טיש איז ער געזעסן אַ פאַרטראַכטער, און באַלד נאָך וועטשערע איז ער נישט געבליבן. אַהיים פלעגט ער קומען שפּעט, און ביז האַלבע נאַכט שטיל זיך געשושקעט מיט דעם קלענערן ברודער.

די מאַמע האָט זאָרגפול צוגעגעבן:

— ווער ווייסט אין וועמען ער איז געראָטן; זאָל ער כאָטש ניט קאַליע מאַכן דעם שווער־אַרויפגעאַרבעטן נאָמען.

שפּעטער־צו האָט דער אינגערער אויך אָנגעהויבן מיטגיין, פלעגן זיי ביידע קומען שפּעט אַהיים, און ביז שפּעט אין דער נאַכט איז געווען ליכ־טיק אין זייער צימער. פריער פלעגן זיך די ברידער אָפּט אַרומקריגן, זיך אַריינזאָגן, און מיט אַמאָל אַזאַ פרידלעכע און אינטימע באַציאונג. ביידע אַזוי וויכטיק, מ׳קוקט זיך איבער מיט געהיימניספולע בליקן. צו טאַטע־מאַמע איז די באַציאונג אויך געוואָרן אַן אַנדערע. עס איז פאַרשוואונדן די געהאָרכזאַמע מורא מיט דער קינדערשער אונטערטעניקייט. די ייִנגלעך האָבן אין אַלגעמיין אָנגעהויבן וויכטיקער רעדן מיט די עלטערן. טאַטע־מאַמע זיינען געוואָרן פאַרדעכטיק. וואָס קען דאָס זיין? ווי אַ כישוף האָט מען זיי אָפּגעטאָן. זיי, די אַלטע, זיינען אויך אַמאָל געווען יונג, זיך אויך פאַרליבט, דאָך זיינען זיי נישט געווען אַזוי ערנסט.

*   *   *

אין שטעטל האָט דערווייל אָנגעהויבן אַרומגיין אַ קלאַנג, אַז עפּעס דרייען זיך אַרום פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. אויף דער יוגנט פון דער שטול־פאַבריק איז ווי אַן עפּידעמיע געקומען. אין די אָוונטן ווערן חברה ערגעץ פאַרשוואונדן. עס האָבן אָנגעהויבן פּוסטעווען די טאַנץ־זאַלן. די יונגע מיידלעך זיינען אַרומגעגאַנגען גרופּנווייז אַנטוישטע, פאַרבענקטע.

וואו זיינען דאָס מיט אַמאָל אַהינגעקומען די בחורים? וואָס איז מיט זיי געשען?

אין שטעטל האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבן רודערן. די קלאַנגען זיינען געוואַקסן. יעדער איינער האָט עפּעס געוואוסט ביי זיך אָדער פאַרגעשטעלט, אַז ער ווייסט עפּעס. עפּעס האָט אַריינגעדרונגען אין דער שטיל גאַנץ טיף. גרופּן זיינען געשטאַנען און גערעדט, באַהערשט מיט אַ געהיימניס־

פולן וואַרטן ווי אויף אַ וואולקאַן־ברוך. אַט באַלד וועט זיך עפּעס אַרויס־רייסן, עס וועט קומען, עס וועט געשען.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז דאָס גאַנצע שטעטל, ווי דורך אַ מבול פאַ־פלייצט געוואָרן מיט לענגלעכע ראָזעווע בלעטלעך, מיט גרויסע שוואַרצע אותיות וואָס האָבן געריסן די אויגן. די בלעטלעך האָבן גערופן: „אַרבעטער, וואַכט אויף, עפנט די אויגן, זעט אייער שקלאַפעריי... לאַנגע שטונדן... שווערע אַרבעט... הונגער לוין... א. א. וו." מ'האָט גע־רופן די אַרבעטער פון פאַבריק צו אַ מאַסן־מיטינג. דאָס שטעטל האָט ווי פריי אָפּגעאָטעמט. מ'איז אַרויס אין הויכע געשפּרעכן. „אַט דאָס איז דאָס".

דער טשערמאַן פון מיטינג איז געווען רעימאָנד, גיבסאָנ'ס עלטערער זון. ער האָט געעפנט דעם מיטינג מיט אַ קורצער רעדע. אין מיטן מיטינג האָבן זיך אַריינגעריסן פּאָליציי און דעטעקטיווס, מ'האָט אַרעסטירט רעמאָנד'ן און דעם רעדנער און צעטריבן די פאַרזאַמלונג. צו־ליב זיכערקייט איז דזשאָרדזש אַוועק שלאָפן ביי אַ חבר.

נאָך דער לאַנגער שלאָפלאָזער נאַכט זיינען די גיבסאָנ'ס ערשט איינ־דערפרי געוואָר געוואָרן, וואו זייער זון געפינט זיך און אויף וואָס פאַר אַ וועגן זייערע קינדער זיינען אַוועק.

גייענדיק איינדערפרי צו דער אַרבעט, האָבן די שכנים, ווי אומיסטנע באַגעגנט דעם מיסטער גיבסאָן און אים גוטמוטיק „געשטאָכן":

— נו, גיבסאָן, דיינע קינדער אויך אין שפּיל? און דיין רעימאָנד איז גאָר דער גאַנצער מאַכער. דאַכט זיך — אַזוי פרום דערצויגן. מ'קען ניט זיין קלוג, האַ?

גיבסאָן איז דורכגעלאָפן די גאַס, ווי צווישן שאַרפע, שטעכיקע שפּיזן. יעדנס בליק איז אויף אים געפאַלן, ווי אַ טיפער שניט אין לייב. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז גיבסאָן אַריינגעלאָפן אין שטוב אַן אויפגערעגטער, ווילד פון צאָרן. מיסעס גיבסאָן איז אַנטקעגנגעקומען אַ דערשראָקענע:

— וואָס איז, וואָס האָט פּאַסירט?

ער האָט זיך געכאַפּט מיטביידע הענט ביים קאָפּ:

— זעסט, אַלטע, אונדזערע האָפענונגען, אונדזערע טרוימען, אַט האָבן מיר איצט אַ זון אַן אַרעסטאַנט! זיי האָבן אויף אונדז געבראַכט שאַנד, נויט. מ'האָט מיך איצט פון פאַבריק אָפּגעזאָגט. אַלץ איבער זיי.

ער האָט זיך געלאָזט לויפן מיט פאַרמאַכטע פויסטן צו די קינדער'ס צימער.

מינע סמאָלער

— וואו איז דזשאָרדזש? שוין זאָל ער פון שטוב אַרויס. איך וויל אים מער פאַר מיינע אויגן נישט זען.

דזשאָרדזש האָט זיך אַ גאַנצן טאָג נישט געוויזן, כאָטש מען האָט גע־וואוסט, אַז אים האָט מען אויך אָפּגעזאָגט פון פאַבריק. די מוטער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אין גאַס, אַרויסגעקוקט צי ער קומט. פאַרנאַכט, ווען ס'האָט שוין געהאַלטן ביי פינצטער ווערן, האָט זי אים פון וויטן דערזען. זי איז אים שנעל אַנטקעגן געלאָפן און אים פאַרצאַמט דעם וועג. זי האָט אים דערקלערט, אַז ער טאָר איצט אין שטוב נישט אַריינ־קומען. דער טאַטע איז איצט ווילד ווי אַ טיגער. ער וואַרט אויף אים דעם גאַנצן טאָג, ער וועט אים דער'הרג'ענען. „אַ גרויסן אומגליק האָט איר אונדז געבראַכט, וואָס וועלן מיר איצט טאָן?”

דזשאָרדזש איז געבליבן שטיין אַ רואיקער, אַ שטאָלצער. זיינע טיפע, בלויע אויגן האָבן געשפריצט פייער. ער האָט גערעדט מיט אַן איינגע־האַלטענעם כעס:

— מאַמע, אייער גאַנצן לעבן האָט איר אָפּגעלעבט ווי שקלאַפן, און די זעלבע שקלאַפישע קייטן ווילט איר אויף אונדז אויך אָנטאָן. מ'האָט אייך גענאַרט דעם גאַנצן לעבן מיט גאָט, מיט גערעכטיקייט, און איר ווילט, מיר זאָלן זיך אויך לאָזן נאַרן און זיך פייניקן. מאַמע, מ'האָט אונדז געעפנט די אויגן. מיר האָבן דערזען די וועלט גאָר אַן אַנדערע. מיר האָבן געלעבט אין דער פינצטער. מיר האָבן אַפילו נישט געוואוסט, אַז מיר זיינען בלינד.

ער האָט פאַר איר לאַנג גערעדט. די מוטער איז געשטאַנען פאַר אים אַ פאַרוואונדערטע, אַ דערשראָקענע. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט:

— מאַמע, קום מיט מיר, איך וועל דיר אַ סך נייע זאַכן דערציילן. וועסט זען, אַז דיינע קינדער זיינען נישט אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג. מיר ווילן קעמפן פאַר מענטשלעכער גערעכטיקייט, און איר וועט נאָך שטאָלץ זיין מיט אונדז.

די מוטער האָט זיך שנעל אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, אים אַריינגע־רוקט אַ פּאָר מטבעות אין האַנט:

— גיי ערגעץ אַנדערש שלאָפן און ווייז זיך נישט מער אין שטוב, — האָט זי אים געזאָגט און איז שנעל אַנטלאָפן צוריק אין שטוב אַריין.

* * *

די נאַכט איז געווען פאַר איר אַ פיינלעך שווערע. גיבסאָן האָט אַלץ געליאַרעמט, געזידלט. ער וועט מאָרגן גיין צו די באַסעס, דערקלערן, אַז ער איז דאָ גאָרנישט שולדיק, ער זאָגט זיך אָפּ פון די צוויי קינדער; ווי

חבר'טע מאַמע

אַ פרומער קריסט וועט ער אַלעמען איבערצייגן, אַז ער איז געטריי און געהאָרכזאַם. מיסעס גיבסאָן איז געלעגן אַן איינגעקאָרטשעטע, געציטערט ווי אין קאָנוואולסיעס. אין מוח איז איר געווען אַ שווערער פלאָנטער. „וואָס איז דאָ? וואָס פאַר אַן איבערקערעניש איז דאָ פלוצלונג געקומען אין איר שטילן שווערן לעבן?” ס'האָבן זיך געוועקט אין איר ווי שרעקנדיקע געשטאַלטן די נייע ניט־פאַרשטאַנענע רייד פון איר זון, די מורא פאַר דעם אויפגערעגטן, צערייצטן פאָטער, און דער נייער שיקזאַל פון אירע קינדער. זי האָט קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן. זי איז שנעל אַרויס, האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסן מיט זוכנדיקע בליקן. זי מוז זען דזשאָרדזש'ן, זי מוז אויסגעפינען, וואָס רעימאַנד טוט. אומעטום האָט זי געטראָפן רעדלעך מיט מענטשן. זי האָט דערקענט אָ סך פאַבריק־אַרבעטער, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען אויך אָפגעזאָגטע. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט ווי אַן אייגענע צו זיי אַלעמען. זי האָט זיך אָפגעשטעלט ביי דער ערשטער גרופע, זיי היימיש באַגריסט, ווי אַלטע פריינט. זיי האָבן זי באַשאָטן מיט פראַגן: „וואו איז דיין מאַן? וואו איז דיין מאַן?” זיי וויסן שוין, אַז ער איז געגאַנגען אָנבאָטן די באַלעבאַטים זיין דינסט, און ער איז שוין געגאַנגען צוריק, ווי אַן אָנגעשלאָגענער הונט. זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענע. זי האָט נישט געוואוסט, צי איז דאָס אַ גרויסקייט צי אַ שאַנד. נאָך די רייד האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מער שאַנד ווי גרויסקייט. זי האָט זיך אומגעפלאָנטערט צווישן איין גרופע און דער אַנדערער. מ'האָט מיט צאָרן און האַס גערעדט וועגן די באָסעס, געצילט מיט פאַרמאַכטע פויסטן אין דער ריכטונג פון דער פאַבריק. פון דער גרופע, וואו זי איז צוגעקומען, האָט מען אויף איר געוואָרפן שטעכיקע בליקן. וואָס ווייטער האָט זי זיך געפילט מער ווי אַ געשטראָפטע, ווי אַ זינדיקע. מיט אַ צוזאַמענגעדריקטן האַרץ און מיט אונטערגעהאַקטע פיס האָט זי זיך אַרומגעשלעפט, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. מיט אַמאָל האָט זי אָנגעהויבן גיין שנעלער. אָט לויפט איר אַנטקעגן דזשאָרדזש. זי כאַפּט אים אָן מיטביידע הענט. „קינד מיינס, וואו ביזטו געווען?” ער שלאָגט זי גלייך איבער. „זאָרג ניט, מאַמע, איך בין צווישן גוטע חברים. קום, מיר וועלן וואַרטן אויף דער שעה, ווען מיר קענען זען רעימאַנד'ן אין טורמע. מאַמע, זיי נישט אַזוי פאַרצווייפלט. קום, מיר וועלן זיך אַביסל דורכרעדן”. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אים, ווי אַ פאַרלאָזט קינד, וואָס האָט מיטאַמאָל צוריק דער מאַמען דערזען. ער האָט איר אָנגעהויבן דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט און געלערנט פאַר דער לעצטער צייט.

ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער טורמע, האָט איר שטאַרק אָנגע־

מינע סמאָלער

הויבן קלאַפּן ס׳האַרץ. איר קינד, מיט אַזוי פיל שווערער מי דערצויגן, אַזאַ גוט קינד, אַזוי ערלעך, און הינטער אַזוינע שווערע אייזערנע טירן, הינטער אַזוינע גרויסע קלינגענדיקע שליסלען. אַט מאַכט צו איר רעימאַנד מיט ביידע הענט, אַ מוטיקער, אַ שמייכלענדיקער. זי פאַלט צו צום קאַלטן אייזן, זי פילט נישט, ווי די טרערן רינען איר פון די אויגן. ער רופט צו איר:

„מאַמע, דו וויינסט גאָר? זיי מוטיק, מאַמע, העלף אונדז בעסער אין גערעכטן קאַמף״.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן טאַטן און זי האָט אים אַלץ דערציילט. ער האָט זיך געווענדעט צו איר ווי נאָך אַ שבועה.

„מאַמע, מילא, מיט דעם טאַטן איז שוין פאַרפאַלן, אָבער דו פאַרשעם אונדז נישט, פאַרשטויס נישט דזשאַרדזש׳ן, העלף אים מיט״.

אין דער היים האָט זי געטראָפן גיבסאָנ׳ען אין אַ ווילדן צושטאַנד. ער האָט זיך געוואָרפן צו איר שלאָגן.

„דו האַלסט אויך מיט די קינדער. דו ביזט געלאָפן זיי זען. וואַרט, איך וועל אייך שוין אַלעמען ווייזן, ווי אַזוי מיר פאַרשוואַרצן דאָס פנים. דער גלח האָט מיר שוין געלאָזט וויסן, אַז ער נעמט מיך אַרונטער פון דער ערן־קאָמיטע פון קלויסטער־ענינים. ער האָט מיך געזידלט, ווי אַ הונט. וואָס פאַר אַ ווערדע וועל איך איצט האָבן? וואַרט, זאָל נאָר אַרויס דער סטרייק, איך וועל זיי שוין איבערצייגן, אַז איך בין נישט שולדיק, איך וועל ראַטעווען מיין נאָמען״.

* * *

טעג האָבן זיך געצויגן — פאַר מיסעס גיבסאָן פול מיט שרעק. טעג אי פיינלעכע, אי נייע, אינטערעסאַנטע. דאָס שטעטל האָט געקאָכט אין אַ געמיש פון צאָרן, האַס און געשרייען. מיסעס גיבסאָן האָט זיך געפילט ווי אַ צוגעוואַקסענער נערוו צו די אויפגעטרייסלטע נייע פאַסירונגען. זי האָט געפילט, אַז זי איז די איינציקע, וואָס האָט מער שייכות צו אַט־די נייע געשעענישן און זי טאָר קיין זאַך נישט דורכלאָזן. בייטאָג האָט זי זיך אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסן, זיך צוגעהערט, נאָכגעפאָלגט אָן אַ באַשטימטן פאַרוואָס, אָבער זי מוז זיין אויף דער וואַך. מיט דזשאַרדזש׳ן האָט זי זיך געזען יעדן טאָג. ער פירט אָן אין געהיים די צוגרייטונג צום סטרייק. ער דערציילט איר מיט באַגייסטערונג, אַז יעדן טאָג שטימען־צו מער אַרבעטער צו סטרייקן. ער רוקט איר אונטער געדרוקטע בלעטלעך, קליינע ביכעלעך.

„נאַ, מאַמע, לייען דאָס דורך, וועסטו ערשט באַגרייפן, ווי בלינד דו ביזט געווען, וועסטו מער מוט קריגן״.

חבר'טע מאַמע

צו איר מאַנ'ס סטראַשונקעס און זידלערייען האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרהאַלטן אַנדערש. זי האָט געקראָגן מער מוט. זי האָט איבערגענומען דעם פאַרלאָזטן צימער פון אירע זין. דאָרט האָט זי זיך פאַרשלאָסן און ביז טיף אין דער נאַכט זיך געגריבלט אין קליינע געדרוקטע אותיות. ביי יעדן אַרויסגעלייענטן צוגעטראַפּענעם געדאַנק איז זי געבליבן זיצן ווי פון אַ קלאַפּ געטראָפן. זי פלעגט פאַרזונקען ווערן אין אַ טיפן פלאָנטער. הייסט עס, אַז אַנדערע זיינען גאָר שולדיק אין איר אָרעמען שווערן לעבן.. אַלץ אַרום איר איז אַרומגעוועבט אין שווינדל און ליגן. אַ טיף פאַרמאַטערטע פון דער שווערער גייסטיקער אָנשטרענגונג פלעגט זי אַוועקפאַלן שלאָפן, אָבער אַפילו אין שלאָף האָט זי געוואָרט מיט אומרו אויף דעם נייעם טאָג.

דזשאָרדזש האָט איר געלאָזט וויסן, אַז מאָרגן גייט מען אַרויס אין סטרייק. זי איז געווען די ערשטע אין גאַס. די שכנים זיינען געשטאַנען ביי זייערע טירן און געוואָרט אויף איר. לעצטנס איז זי געוואָרן ביי זיי אַ צייכן פון אַ נייעם שטראָם. זיי האָבן זיך געטוליעט אַרום איר און לעבן איר האָבן זיי זיך געפילט זיכערער און דרייסטער. זיי האָבן זי איצט אַרומגערינגלט.

„נו, וואָס וועט איצט זיין, וואָס וועלן מיר טאָן?"

„וואָס הייסט וואָס", — זי קוקט אויף זיי מיט אַנטשלאָסנקייט — „מיר וועלן אויך גיין אַהין; מיר זיינען די זעלבע שקלאַפן; מיר וועלן העלפן אונדזערע קינדער, אונדזערע מענער". ביי דעם וואָרט „מענער" איז זי באַגאָסן געוואָרן מיט אַ בושה'דיקע רויטקייט.

קומענדיק נענטער צו דער פאַבריק, האָבן זיי זייערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. אַן איבערקערעניש! די גאַסן פול מיט פּאָליציי און דעטעקטיוועס באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, שטעקנס. מ'טומלט, מ'לויפט. האַלב־אָנגעטאָנענע צעשראָקענע פרויען צוזאַמען מיט מענער. אַלע אין איין ריכטונג. „צו דער פאַבריק!" פון דער וויטן האָט זי דערזען אַ געשלענגל־טע שוואַרצע קייט פון מענטשן. אָט דאָס מוז זיין די פּיקעט ליין. אַזוי האָט איר עס דזשאָרדזש פאַרגעשטעלט. נאָענט האָט מען שוין נישט געקענט צוקומען. די גראָבע פּאָליציי־שטעקנס האָבן געפּאַכעט איבער קעפּ און געבויגענע רוקנס. אָט לויפט פאַרביי דזשאָרדזש. זי גיט זיך אַ צאַפּל און הויבט אָן לויפן. ניין, זי וועט נישט לאָזן. זי לויפט מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטן. זי וועט זיך אַרויפוואַרפן אויף זיי ווי אַ חיה, זי וועט זיי די אויגן אויסדראַפּען. זי וועט נישט לאָזן שלאָגן איר קינד. זי האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם געדיכטן געדרענג. אָט ליגט זי שוין אויף דר'ערד. זי גיט זיך אַ כאַפּ אויף, זי דערזעט דזשאָרדזש'ן שטיין לעבן איר. זיי קוקן זיך אי־

מינע סמאַלער

בער אַ מאָמענט. זי זאָגט אים:

— זאָרג נישט, מיין קינד, איך וועל זיין אויף דער וואַך, איך וועל דיר העלפן.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט צווישן געדיכטן עולם. וואו עס איז נאָר פאַרגעקומען אַ געשלעג, אַ צוזאַמענלויף, האָט זי זיך אַריינגעריסן אינמיטן. פאַרנאַכט, קומענדיק אַהיים אַ פאַרמאַטערטע, אַן אויסגעשעפּטע, האָט איר מאַן זי באַגעגנט אויף דער שוועל מיט אויפגעהויבענע קולאַקעס. — „וואַרט, מחשפה" ווען נישט צוליב די קינדער, וואָלט איך דיר איצט דעם קאָפּ צעשפּאָלטן, מיך אַריינגעשלעפּט אין דער זעלבער בלאָטע, וואו דו מיט דיינע קינדער זיינען פאַרקראָכן, דער באָס גלויבט מיר אַפילו נישט, אַז איך האַלט מיט אים. ער באַשולדיקט מיך, אַז איך וויל זיין אַ שפּיאָן. ער האָט מיך פון הויז אַרויסגעטריבן. האָט מיר אין פּנים געוואָרפן מיין ווייב מיט די קינדער. וואַרט, איך וועל זיך נאָך אָפּרעכענען מיט אייך אַלעמען". זי האָט אים שטיל אָנגעקוקט מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן און זיך שטיל אַריינגערוקט צו זיך אין צימער. די נאַכט איז געווען פאַר איר אַ פיינלעך־שלאָפלאָזע. זי איז אין געדאַנק נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען איר גאַנץ לעבן ביז איצט. מיט אַמאָל האָט זי דערזען איר מאַן פאַר זיך אַ ווייטן, אַ פרעמדן. ווי האָט זי געקענט מיט אים אַזאַ לעבן אָפּלעבן? זי האָט אים ביז איצט גאָר נישט געקענט.

דאָס הויז איז פאַר איר געוואָרן ענג און פּוסט. דער טאָג האָט זי אוועקגעטראָגן צום שלאַכטפעלד, ווי זי האָט אַ נאָמען געגעבן די פּיקעט ליין. דאָרטן, צווישן אַלעמען, האָט זי זיך געפילט שטאַרק און זיכער. דזשאָרדזש'ן האָט זי געזען אַלע טאָג אין געהיים. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון אַרעסט און געטאָן געהיים די סטרייק־אַרבעט. רעימאָנד'ן האָט זי געבראַכט אין טורמע טעגלעכע באַריכטן פון סטרייק און פון אַלץ, וואָס זי טוט אויף פאַר דעם אָנגאַנג פון סטרייק. אַרויסגייענדיק פון טורמע, איז זי אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ ליבן, וואַרעמען געפיל פון רעימאָנד'ס באַציאונג צו איר. — חבר'טע מאַמע, — האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן, און עס איז באַלד אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַלע אַרעסטירטע סטרייקער.

„חבר'טע מאַמע" האָבן זי אַלע גערופן. אָט אַזאַ געפיל האָט זי געהאַט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, די ערשטע טעג ווען זי האָט זיך באַקענט מיט רעימאָנד'ס טאַטן. אַך, ווי ווייט און פרעמד ער איז פון איר איצט!

* * *

מיסטער גיבסאָן האָט זיך אויף דער ליכטיקער שיין נישט געוויזן. שטענדיק געלעגן אין שטוב און געשאָלטן און געזידלט. — איבער אָט דער

ווייב מיט די קינדער דאַרף ער אַזוי אָפּקומען. — ער שפּאַנט אַרום איבערן שטוב, ווי אַ צערייצטער הונט. ס'הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר, און מיט אַמאָל פּאַלט אַריין אַ באַנדע פּאָליציי און דעטעקטיווס. ער בלייבט שטיין דערשטוינט.

— וואָס איז, וואָס ווילט איר?

זיי מאַכן צו אים מיט די קלאַבעס:

— הער, הינטישער זון, גיב אַרויס די אַלע זאַכן, וואָס דיין זון פּאַב־ריצירט! דו ליגסט אין שטוב און דו גיסט אַכטונג אויף דעם, און דיין ווייב מיט די קינדער שיקסטו אַרויס צום פּיקעט ליין. גיב אַרויס אַלץ! ווייז! זאָג, וואו איז דיין זון! מיר וועלן דיך ווי אַ הונט דערשלאָגן.

ער לויפט צו זיי מיט צעשפּרייטע הענט:

— מיינע הערן, איר ווייסט ניט. לאָזט, איך וועל אייך דערקלערן, איך בין אויך קעגן. . .

— אַוועק, דו אַלטער ליגנער דו!

און איידער ער האָט זיך נאָך אומגעקוקט, האָט ער דערפילט רינען אַ וואַרעמען שטראָם איבער זיין פּנים, און ער איז מיט אַ קרעכץ געפאַלן אויף דער ערד.

* * *

ווען ער איז צו זיך געקומען, איז שוין קיינער אין שטוב נישט געווען. אַלץ איז געווען צעוואָרפן אויף דער ערד. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין קאָפּ, אָפּגעוואַשן דאָס בלוט און געבליבן שטיין אַ פּאָר מינוט פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער אויף שנעל אַרויפגעכאַפּט דאָס היטל און אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב. ביים פּיקעט־ליין איז געוואָרן אַ גערודער. ס'האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ בליץ דורך דער גאַנצער ריי: — גיבסאָן גייט אַהער! ער איז צעשלאָגן! — אַלע האָבן אויף אים אָנגעשטעלט די בליקן. ער איז צוגעקומען און האָט אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן. ער האָט דערזען זיין ווייב און האָט זיך שווייגנדיק לעבן איר אַוועקגעשטעלט. זי האָט אַרויסגענומען איר נאָזטיכל און אים אָפּגעווישט דאָס פרישע רינענדיקע בלוט. און שטילערהייד געפרעגט:

— זיי האָבן דיך שטאַרק צעשלאָגן? קום, איך וועל דיר פאַרבינדן די וואונד.

1932

אַ שטעטל האָט אויפגעוואַכט

סאַוט ריווער — אַ מדבר'דיג שטעטל, אַ נאַקעטער צעטראָגענער באָדן פון וועלכן עס הויבט זיך אַ הויכער גרויער שטויב ווען עס איז טרוקן, און געדיכטע קלעפּיקע בלאָטע אין רעגנדיקע טעג. אַ הוילער, גריבערדיקער שטח שניידט איבער דאָס שטעטל אין צוויי טיילן. פון איין טייל אין אַ האַלבן קרייז ציען זיך לאַנגע צוויי שטאָקיגע גרויע הילצערנע געביידעס, וועלכע קוקן אויס ווי אַלט־מאָדישע דאָרפישע שאַלאַשן, און מאַסיווע רויטע ציגלנע געביידעס צעוואָרפן איבער אַ ווייטערן ברייטן שטח. דער צווייטער טייל: שמאָלע קליינע נידעריגע שטיבלעך מיט דריי־טרעפּלדיגע בריקלעך.

ווי ריטשקעלעך קוואַלן, וועלכע ווערן פאַרשלונגען אין איין אַרייַנגוס־פונקט, אַזוי ציען זיך אין די גרויע פרימאָרגנס, פון פאַרשיידענע ריכטונגען געדיכטע שרעגעס מענטשן, מערסטנס פרויען, גאַנצע משפחות־ווייז פון דריי דורות, באָבעס, מאַמעס, קוים דערוואַקטענע קינדער, מיט שלאָף אויף די אויגן, און ווערן אַרייַנגעשלונגען אין די מאַסיווע טירן, ווי אין ברייטע צעעפנטע קראָקאָדילן־מיילער. מיט געיאָגטן אימפּעט און פאַרטויבטן געבראַזג, צערעוועט זיך דאָרטן דער טאָג ווי זשעדנע הונגעריקע מאָנסטער־מיילער מיט שאַרפע קריצנדיגע ציין, קראַמשעט, און שלינגט מיט שווינדלדיגער שנעלקייט צוזאַמען מיט די געוואַנטן, סיצן, זיידנס, אויך ביז דעם לעצטן טראָפּן מענטשלעכן כוח, ביז אויסגעשעפּטקייט.

אין צווייטן טייל בלייבן די שטיבלעך, פוסט און שטיל. דער טאָג בלייבט דאָרט שטיין אַ שטיל־ליידיקער, מיט פאַר'חלומ'טן דרימל.

ווי אַ געדיכטע פליסיקע לאַווע, שטראָמען אַרויס געדיכטע מחנות אין די טונקעלע אומעטיקע פאַרנאַכטן, מיט מידע פּנימ'ער און געאיילטע טריט צעצוויגט מען זיך אין די שמאָלע ברודיקע געסלעך.

אַ מילדער פרילינגס טאָג. די פרימאָרגנדיקע שטראַלן האָבן געלאַשטשעט, געגלעט מיט מאַמעשער וואַרעמקייט, און דאָרט דער ניט געזעטיקטער ריזן־מויל, האָט זיך ערשט פאַרנומען צו ציען און שלינגען די ציגן מיט אַריינגעוועבטע שטיקער לעבנס. פּלוצלונג האָבן זיך ווי אַ דונער דורכגעטראָגן אויפרופן: „גענוג! מיר קענען שוין ניט מער!"

א שטעטל האָט אויפגעוואַכט

קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן, הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און דער רעוועדיקער ריז איז מיטאַמאָל פאַרשטומט געוואָרן. . . אין יענער טאָג האָט דער דרימלדיקער טייל פון שטעטל אויפגעוואַכט, אויסגעריבן די אויגן, אַראָפּגעטרייסלט די גריזשעדיקע מאַנאָטאָנקייט; די געסלעך זיינען באַלעבט געוואָרן מיט פעסטע טריט און מוטיקע, מאַנענדיקע קלאַנגען.

עס איז געווען שוין שפּעט אין דער נאַכט. דאָס שטעטל איז שוין געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. אין איינעם פון די שמאָלע בלאָטיקע געסלעך, אין אַ קליין נידעריק שטיבל, די פענצטער פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע טוכן, איז אינעווייניק געווען באַלויכטען מיט אַ טונקעלער ליכטיקייט, די בלאַסע ציטערדיקע גאַז פלעממעלעך, פון דינע אַרויסגעבויגענע גאַז־רערלעך אויף דער וואַנט, האָבן געוואָרפן אַ שאָטנדיקן אָפּשיין, אויף די גרויסע צלם׳ער צווישן די געדיכט באַהאַנגענע הייליקע בילדער אויף די ווענט. אויף אַן אַרויסגערוקטער אַלטער סאָפע האָט זיך געטראָגן אַ ריטמישער אָטעמען פון צוויי אויסגעמאָגערטע קינדערשע קערפּערלעך אין צעריסענע אונטערוועש, צופוסנס, אַנגעשפּאַרט אין אַנלען, איז געזעסן אַ יונגע פרוי מיט צוויי אַראָפּגעלאָזטע פלאַקסענע צעפּ, און אַ הויכן אויפגעגאַנגענעם בויך. דאָס ברייטלעכע פּאַריסן נעזל איז געווען אויסגעשפּיצט ווי מיט וואַכזאַמקייט. די שמאָלע העל בלויע אויגן זיינען מיט אַ פאַרנעפּלטן פייערל געווען אַנגעשטרענגט אויף דעם שווערן רונדן טיש, מיט אַ פאַרשפּרייטן רויטן קעסטלדיקן טישטוך, אַרום וועלכן עס זיינען געזעסן עטלעכע אַקטיווע סטרייקערס און אַ פּאָר געקומענע פרעמדע אַרויסהעלפער.

מיט פאַרכאַפּטער אויפמערזאַמקייט האָבן אַלע זיך צוגעהערט צו דער פרעמדער דערפאַרענער סטרייק־פירערן. מיט שטילע באַנאַכטיקע רייד און מיט אַ פייערלעכן גלאַנץ אין די אויגן, דערציילט זי זיי פון אַרבעטער קאַמפן, וועגן ראַסן־האַס, וועגן הערשאַישקייט פון אַרויסגערוקטע קעמפער, און וועגן ברוטאַלן טעראָר מצד די באַסעס, און די פּאָליציי, און וועגן די אומגערעכטע באַשטראָפונגען פון געזעץ.

וואַנדע, די באַלעבאָסטע פון הויז, אַ הויכטע דאַרע מיטליאָריקע פּוילישע פרוי, מיט גרויע וואַסערדיקע אויגן, הויכע שפּיציקע קינבאַקן, מיט אַ ווייס גלעזערן צלמ׳ל אויפן האַלדז, ווענדעט זיך צו איר טאָכטער אויף דער סאָפע, נאָכדעם ווען די רעדנערן איז אַנטשוויגן געוואָרן:

— מאַניע, דערצייל זיי וואָס דיין באָס מר. סיגל האָט דיר געזאָגט.

— מאַניע׳ס שמאָלע לענגלעכע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, און

מינע סמאָלער

מיט אַן אויפגערעגטן טאָן דערציילט זי, אַז ווען זי איז געקומען אָפּ־נעמען דאָס לעצטע פאַרדינסט האָט סיגעל, דער באָס, איר געוואָרנט, אַז זיי זאָלן ניט גלויבן די אידישע „טראָבל מאַכער", אַז אָט די אידן זיינען ביטרע פאַרפירער, זיי ווילן זיי אַלעמען אָפּנאַרן און פאַרראַטן. מאַניע האָט זיך ביי אָט די ווערטער ניט געקענט אָפּשטעלן. ווי פון אַ באַהאַלטענעם קוואַל זיינען געלאָפן פון איר ציטערדיקן מויל רייד, מיט אָנגעזאַמלטער טיפער פאַרביטערטקייט, פון דער שווערער עקספּלוי־אַטאַציע פון צען שעה אַ טאָג אַרבעט פאַר צען טאָלער אַ וואָך, וועגן דער שטענדיקער דחקות. זי וויזט אָן אויף איר אַרויסגעשטאַרטשטן בויך: אָט וועט קומען נאָך אַ נפש און וועט קיין טאָטן ניט דערוויסן; פון די שטענדיקע קריגערייען פון דער נויט אין הויז איז ער אַוועק. זי גראָבט איין דעם פּנים אין די הענט און צעוויינט זיך מיט אַ שטילן כליפּן.

די שטילקייט וואָס ס'איז געקומען נאָך מאַניע'ס וויינען, איז גע־ווען אַן אָנגעגליטע, אַ שטילקייט וואָס האָט געאָטעמט מיט האָס און נקמה... סאָפיע, אַ יונגע פּוילישע בלאָנדינקע מיט לאַנגע לאָקן. אַ צאַרטן קינדערשן פּנים'ל, און בלוי פאַר'חלום'טע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט טיפן צאָרן! מערי אַ יונגע אונגאַרישע מיידל מיט אַ געדיכטן שוואַרצן קאָפּ האָר, און שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט אַנטשלאָסנקייט. איר שאַרפער אויסדרוקספולער פּנים האָט אויסגעדריקט פאַרביטערטע קאַמפּס־גרייטקייט. בראָנקע, אַ פּוי־לישע אין די פערציקער, מיט געלעכערטער פּאָקן־הויט אויף די לענג־לעך אָפּגעצויגן פּנים, האָט אויסגעדריקט פאַרצווייפלונג און טרויער. וואַנדעס ברייט־ביינערדיקער פּנים איז באַצערט מיט טיפן ווייטיק. דזשאָן, אַ פּוילישער, מיט קליינע לעבעדיקע אויגעלעך און ברייטע צע־פּלאַטשטע נאָז, איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרזשמורעטע אויגן, האָט מיט נערוועזע פינגער געקנייטשט אַ ניט אָנגעצונדענעם סיגאַר. מערע האָט אין אַ שטילן פעסטן קול, ווי אַן ענטפער אויף גע־מאַטערטע געדאַנקען, מיט די אויגן געווענדעט צו דער פרעמדער אַרויס־גערעדט: — „מיר זיינען געווען הילפלאָז, אָבער איצט וועלן מיר זיי וויזן, אַז מיר קענען אויך זיין געוואַגטע קעמפער." דזשאָן האָט איר צוגעוואָרפן אַ זייטיקן שאַרפן בליק.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. וואַנדע איז עקשנות'דיק באַשטאַנען, אַז די צוויי פרעמדע פרויען מוזן איבערנעמען איר בעט,

אַ שטעטל האָט אויפגעוואַכט

זי האָט זיך געלייגט אויף דעם איינגעפאַלענעם דעווענפּאָרט. וואַנדע מיט מאַניע'ן האָבן זיך אַריינגעזעצט ביי די געסט אין בעט, מיט אַ באַרג פאַמיליע בילדער, פון זייער גרויסער פאַרצווייגטער משפּחה, פון די עלטער־באָבע, זיידעס, ביז זיי אַליין, און איבערגעגעבן די בעסערע און ערגערע שטריכן פון יעדן איינעם, מיט אַ געפּיל פון צוטרוי, ווי צו לאַנגיאָריקע פריינט.

פינף אַזייגער פאַרטאָג. אַ כמורנער קילער פרימאָרגן. די צוויי פרעמדע פרויען האָבן געמוזט וואַנדען צוליב טאָן: איינע האָט אָנגעטאָן איר קעסטלדיקע שאָל נאָך פון פוילן געבראַכט, די צווייטע אירן אַ מאַנטל.

עס שטראָמען פון אַלע געסלעך מענער, פרויען, דערוואַקסענע און מינדעריאָריקע קינדער אָנגעהאַלטן אין דער מאַמעס קליידל. אַלעמענס אויגן געווענדעט צו די פּאָר פרעמדע, מען פאַרשטייט שוין ווער זיי זיינען און צוליב וואָס זיי זיינען געקומען. אַ סך גריסן זיך מיט זיי פון וויטן מיט די הענט, און שמייכלען צו זיי צופרידן און היימיש.

מען קומט צו צו אַ צירקל שעפער, די ערשטע לאַנגע הילצערנע געביידע מיט אַ גרויסער שוואַרצער שילד איבער דער טיר „סיגעל געביידע נומער 3“, און אַ נייע ווייסע שילד ביי דער זייט „אָפּערייטאָרס פאַרלאַנגט“. ווי אַ באַוועגלעכע געדיכטע לאַווע, שטייען צוזאַמענגע־דריקט אויפן צווייטן זייט טראָטואַר הונדערטער סטרייקערס מיט זייערע משפּחות, עס גייט פון מויל צו מויל די פליסטערדיקע נייס, אַז דזשאָן דער פרעסער, איינער פון די אַרויסגערוקטע סטרייק פירער, האָט זיך געלאָזט אָפּקויפן פון די באָסעס, און ער האָט שוין אַריינגעבראַכט דאָרט סקעבס. ליפּן פאַרציען זיך פון אויפגעברויזטן צאָרן! פייערדיקע בליקן און אויפגעהויבענע פויסטן, פאָכעט מען אַנקעגן די אָפענע טירן און פאַרהאַנגענע פענצטער פון די שעפער.

די סטרייקערס ווייסן נאָך ניט, אַז פּיקעטן דאַרף מען האַרט לעבן די שעפער, ניט אויף דער צווייטער זייט. די פרעמדע שלאָגן פאָר, אַז מען זאָל אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר וואו די פּאָליציי שטייט. ווי אַן אויפגעהויבענע מעכטיקע כוואַליע האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אויף דער צווייטער זייט גאַס, די פּאָליציי־וואַך האָט זיך אויפן מאָמענט פאַרלאָרן, און האָט זיך אַליין אַראָפּגעשאַרט פון טראָטואַר. ווי פון אַ באַגייסטער שטאַרקייט, האָבן געדיכטע אויפגעהוי־בענע פויסטן געפאָכעט צו זיי. עס צעטראָגן זיך אונטערגעזאָגטע אויס־

מינע סמאָלער

רופן: — נידער מיט דער פּאָליציי! נידער מיט די סקעבס, מיט די פּאַררעטער! עס דערהערן זיך נידעריקע געזאַנג־טענער פון איינצלנע, און ווערן באַלד אונטערגעכאַפּט אין אַ שאַלנדיקן געזאַנג: „אויף דער ליין, אויף דער ליין, אויף דער פּיקעט ליין". דער ענטוזיאַזם וואַקסט. מען דערוויסט זיך, אַז די פּאָליציי האָט אַוועקגעשיקט אַ שטאָפּעט אין סיטי האָל נאָך נייע אינסטרוקציעס, ווי צוגעגרייט צו אַ פּאַראַד גיט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז אַרויס די גאַנצע מחנה. מען גייט אין סיטי האָל צום מעיאָר, עס פאַלן לאָזונגען: זאָל דער מעיאָר צונעמען די פּאָליציי־וואַך, מיר האָבן אים אויסגעקליבן, דאַרף ער אונז פאַרטיידיקן, ניט די באָסעס. די פּאָר פרעמדע קוקן זיך איבער מיט אַ שמייכל, — ווי נאַאיוו זיי זיינען נאָך . . . זיי האָבן זיך אָבער באַלד איבערצייגט ווען דער מעיאָר פאַרטיידיקט . . .

עס לויפן אומרואיקע וואָכע נעכט, און פאַרביטערטע, אויפגעברויזטע טעג. סאָפיע און מערי טרעטן ניט אָפּ פון די צוויי פרעמדע פרויען; זיי שטייען אויף דער וואַך, אַז עס זאָל זיי קיין בייז ניט געשען. סאָפיע מיט דעם צאַרטן קינדערש פּנים'ל גיסט אויס איר צאָרן דורך שעלטן — די פּאָליציי, די באָסעס, און איבערהויפּט דזשאָגען, דעם פּאַררעטער. אירע ליפּן ציטערן פון אויפרעגונג, ווען זי דערמאָנט זיין נאָמען. — אַזאַ הונט, מיר וועלן דאָס ניט פאַרגעסן — טרייסט זי זיך מיט נקמה־געפילן. מערי ברויזט. די אויגן שיסן מיט פייער. די הענט הויבן זיך אין פויסטן, זי טרייסט זיך: זי וועט פון אַלעמען נקמה נעמען.

סאָפיע מיט מערי'ן, האָבן פריער זיך ניט געקענט, — מען האָט געאַרבעט אין באַזונדערע שעפּער. איצט קלעפּן זיי זיך איינע צו דער אַנדערער. זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך: אויב מען וועט פאַרלירן דעם סטרייק, וועלן זיי ניט גיין צוריק אין זייערע שעפּער. זיי בעטען זיך ביי די צוויי פרעמדע פרויען, אַז זיי זאָלן זיי מיטנעמען קיין ניו־יאָרק, זיי ווילן זיך לערנען די סטראַטעגיע פון סטרייקן און שפּעטער קומען צוריק אין שטעטל.

אַ לויטערע באַגינען. די זון, ווי אַ פייערדיקע פּילקע, האָט זיך נאָר־וואָס אַרויסגערוקט פון צעגליטן מזרח. די נאַקעטע זאַמדיקע גאַסן זיינען שוין פול מיט מענטשן, נאָך מערער ווי יעדן טאָג. מען הערט אָבער ניט דעם געוויינליכן גערודער און דעם הויכן געזשום פון רייד. אַ פאַרשטומטע, פאַרביטערטע שוויגעניש מיט פאַרצווייפלטן אויסדרוק ליגט שווער אויף די פּנים'ער. עס פילט זיך אָבער אין אָט דער אונ־

אַ שטעטל האָט אויפגעוואַכט

היימליכער שטילקייט, עס טליעט ווי אַן אַנגעגליטער פאַרהאַלטענער אויפרייס. שפּעט באַנאַכט, האָט עמעצער אַנגעזאָגט פון הויז צו הויז, אַז אינדערפרי קומען אַריין אין שטעטל אַן אַפּטייל סטייט טרופּערס. און ווי געטריבן פון אַ געהיימער אויפגעוואַכטער קראַפט, איז דאָס גאַנצע שטעטל אַרויס זיי באַגעגענען. . .

דער ברייטער זאַמדיקער שטח איז שוין געווען פאַרפלייצט מיט אַ געדיכטער מאַסע מענטשן. אומגעדולדיקע בליקן זיינען געריכטעט צו אַלע זייטן. פון ערגעץ דאַרף קומען אַ געהיימער רעדנער. מען גיט איבער, אַז וואַנדעס הויז איז איצט נאָך מערער באַוואַכט פון אַלע זייטן. כאַטש וואַנדע מיט מאַניען מיט די קינדער זיינען איצט אויך דאָ אויפן פּלאַץ. די פאַרזאַמלונג איז אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון פּאָליציי־לייט, געדונגענע דעטעקטיווס און עטלעכע סטייט־טרופּערס מיט אַרויס־געשטעלטע ביקסן אויף די אַקסלען.

מערי שטייט אין מיטן צווישן געדיכטן עולם. אירע אויגן שפּריצן מיט פייער ,אירע פיס רייסן זיך פון באָדן ווי פון הייסע קוילן. זי בעט זיך מיט אַ ציפּלדיק קול:

— צו וואָס וואַרטן? לאָמיר דערווייל אַליין זאָגן די פאַרדאַמטע הינט וואָס מיר דענקען וועגן זיי.

— זי שפּרינגט אַרויף אויף אַן איבערגעקערטן קעסטל. איר שוואַר־צער קאָפּ האָר באַקרוינט מיט אַרומגעדרייטע דיקע צעפּ, דער אָפענער ברייטלעכער פּנים דוכזיכטיק בלאַס, די טיפע שוואַרצע אויגן ברייט צעעפנט. אַלע קוקן מיט פאַרכאַפּטקייט צו איר מויל, מיט אַ פראַגע אויסדרוק: — וואָס וועט זי זאָגן?...

— הערט אויס איר ברוטאַלע געזעצ היטער — — — איר יונג הילכיק קול ווערט גלייך פאַרטויבט מיט אַ קנאַל פון אַ שאָס! די מילדע פרימאָרגנדיקע לופט האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן, דער עכאָ האָט זיך צעטראָגן ווייט אַריבער דעם שטעטל. עס איז געוואָרן אַ געלויף מיט צעשראָקענע קולות! אין אַ זייט אויף אַ זאַמדיקן בערגל האָט אַ באַר־וועס, דין קערפּערל פון אַ עלף יאָריגן אינגל אַ צאַפּל געטאָן און אַני־דערגעפאַלן ווי אַן אונטערגעשניטענע זאַנג. מאַניע איז צוגעלאָפן און האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן קוויטש.

די נאַכט האָט דאָס שטעטל איינגעהילט אין מוראַ׳דיקער שטיל־קייט, אַ שטילקייט וואָס האָט אַרויסגעשריגן די אינעווייניקסטע אונטער־דריקטע קולות און געלעכערט די אויערן. ביי אָפענע טירן אויף די

מינע סמאָלער

נידעריקע בריקלעך זיינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן באַצערטע מאַמעס מיט שלאָפנדיקע קינדערשע קעפּלעך אויפן שויס. ביי די עקן פוןביידע זייטן געסלעך, אויף אַריינגעקלאַפּטע הויכע נראַנגען, האָבן זיך געוויגט לענגלעכע אויסגעבונדענע שוואַרצע שלייפן. . . אַרונטער ביי די ראַגן האָבן זיך געהערט וואַכזאַמע וועכטערשע טריט, פון הין און צוריק שפּאַנענדיקע געשטאַלטן. זוכנדיקע בליקן פון אומרואיקע אויגן האָבן געוואַנדערט אין פינצטערן חלל מיט אַנגעשטאַלטער גרייטקייט זיך צו וואַרפן דעם שונא אַנטקעגן.

1932

צווי מאַמעס

עס איז געווען שפּעט אין פרימאָרגן: סיליע איז נאָך אַלץ געלעגן אין בעט, ווי אַלע טאָג פאַר די לעצטע עטלעכע וואָכן, זינט מען האָט איר איינציק קינד, איר זון דזשעקן, אַוועקגעשיקט צום פראָנט.

די בעט איז פאַר איר געוואָרן אַ שוץ־פונקט. זי האָט געלאָזט אין גאַנג אירע קריגערישע געדאַנקען קעגן דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט איר אַזוי פיל שלעכטס געטאָן. אָט־די אינערלעכע אויפרודערונג האָט זיך נאָכהער פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרגליווערטער רואיקייט... זי איז געלעגן די מערסטע צייט פון טאָג אין בעט, מיט אַ שטאַרן בליק אין די ברייטע, פאַרטרויערטע אויגן — און טעמפּע געדאַנקען. . .

איר גאַנצער קערפּער האָט זיך איצט מיט אַמאָל אַ צאַפּל געטאָן, ווען זי האָט דערהערט צווי קורצע, גרינגע קלונגען פון דעם טיר־גלעקל: אַ הייסע כוואַליע האָט איר אַריינגעשטראָמט אין קאָפּ. . . אַ באַהאַלטענערע שרעק האָט אַ האַמער געטאָן אין איר מוח וואָס זי האָט מורא געהאַט אַ טראַכט צו טאָן!... ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס האָט זיך צוגעלאָזט צום טיר.

— העלאָו! איך בין פון „רויטן־קרייץ" — קען איך אַריינקומען?

— האָט זיך דערהערט אַ ווייכע פרויען־שטים פון דער אָפענער טיר, און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי שוין געשפּאַנט אויף די שטיגן און סאַפּנדיק פאַרגעזעצט: — דאָרטן וואו איך זע אַ שטערנדל אין פענצטער, פיל איך זיך היימישער אַריינצוקומען... דער רויטער קרייץ פירט איצט דורך אַ קאַמפּאַניע. — ביי אָט די ווערטער האָט זי שוין געהאַלטן ביים לעצטן טרעפּל.

אָבער דערזעענדיק סיליע'ס דערשראָקענעם בליק און די צעוויי־טיקטע אויסדרוק אַרום די בלאַסע ציטערדיקע ליפּן, איז זי מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, און געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט — און האָט געפרעגט: — האָט עפּעס פּאַסירט ביי אייך?. . .

— איך האָב זיך דערשראָקן פאַר אָט די קלונגען... איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז דער בריוו־טרעגער, — האָט סיליע אַרויסגערעדט.

— איך פאַרשטיי שוין. . . — האָט יענע טיף אָפּגעאָטעמט, און

מינע סמאָלער

מיט אַ באַדייטיקן שאָקל מיטן קאָפּ — האָט זי צוגעגעבן: — ווייל ס'איז ניט די צייט פון בריוו ברענגען... איך ווייס, איך לעב דאָס אויך דורך! — האָט זי טרויעריק אַרויסגערעדט....

— ווילט איר אַז מיר זאָלן זיך אַביסל דורכריידן? — האָט זי געפרעגט סיליע'ן מיט אַן אינטימער היימישקייט אין טאָן.

מיט אַ זייטיקן שאָקל מיטן קאָפּ האָט סיליע איר אַ צייכן געגעבן, אַז זי זאָל איר נאָכגיין.

— מיין נאָמען איז פעני רובין, האָט די פרעמדע זיך פאָרגעשטעלט פאַר סיליע'ן, — איידער זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם שטול אין פראָנט־צימער. — איך בין זייער מיד. די וואָך גיי איך אַרום גאַנצע טעג און קלאַפּ אין די טירן... — איז פעני גלייך געקומען צום פונקט. — מיר דאַרפן איצט אַריינקריגן וואָס מער הילף פאַר אונדזערע קינדער אויף די פראָנטן, ווייל יעדע איינע פון אונדז דאַרף איצט זיין זייער אַלעמענס מאַמע... און זיי אַלע זיינען אונדזערע קינדער...

— פעני האָט אָנגעהויבן דערציילן סיליע'ן וועגן אירע פילע אַנדערע טעטיקייטן, און ווי עס איז נויטיק פאַר אָט־די מאַמעס צו זיין פאַרנומען, אַז מען זאָל ניט דאַרפן זיצן אַ גאַנצן טאָג אין אַנגסטן און בלויז וואַרטן אויף דעם בריוו־טרעגער.

מיט אַ פרעגנדיקן בליק איז פעני מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט באַמערקט, ווי סיליע'ס אויגן וועלכע זיינען אָט־ערשט געווען פאַרגליווערט, מיט אַ טעמפּן שטומען בליק, האָבן זיך איצט אָנגעפילט מיט אַ נאַסן גלאַנץ. די נאָז־לעבער אין די ווינקלען אַרום מויל האָבן געצויקט מיט אַ נערוועזן ציטער, און ווי קעגן איר אייגענעם ווילן האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין, וועלכער איז אַריבער אין אַ שטילן, יאָמערלעכן שלוכצן...

פעני איז באַלד געקומען צו זיך פון איר פאַרלאָרנקייט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן סיליע'ן און מיט דער אויפמערקזאַמקייט, ווי פון אַ דאָקטער לעבן אַ קראַנקן, האָט זי שווייגנדיק געקוקט אויף איר, און מיט טיפער באַהערשקייט געשלונגען אירע אייגענע טרערן. מיט געניטער אויסגערעכנטקייט האָט זי געוואַרט, זי זאָל זיך אויסוויינען, וועט איר ווערן גרינגער.

דעם טאָג האָט פעני אין מער קיין טירן ניט געקלאַפּט, און איז געגאַנגען אַהיים פריער ווי אַלע טאָג. זי האָט ניט געוואָלט איבעררייסן אָט־דעם באַפרידיקטן געפיל, ווי פון אַ דורכגעפירטער וויכטיקער

מיסיע, וואָס האָט איר אויך צוגעגעבן אַ זעלבסט באַהויכטע וויר־דיקייט.

פעני האָט פאַמעלעכט אירע טריט, כדי דורכצולויטערן אירע גע־דאַנקען: זי וויל זיך דערמאָנען — אָט־יענעם פרימאָרגן, ווען זי האָט באַגלייט איר זון סאָל׳ן צו דער באַן־סטאַנציע. ווי האָט זי דאַן גע־פילט? — זי כאַפּט־אָן שטיקלעך פון צעריסענע געדאַנקען. זי גע־דענקט ווי זי האָט אין איילעניש אָפּגעטאָן די פולע טעגלעכע הויז־אַר־בעט, מיט קאַלטער אויסרעכענונג, אַז שפּעטער וועט זי דאָס ניט קענען טאָן. יאָ, ס׳האָט איר דערנאָך טאַקע אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע אינערלעכע קעלט, מיט אַ ציטער פון דעם גאַנצן קערפּער, ווען זי איז אַריין צו־צוקלייבן אין סאָל׳ס צימער, אָבער מיטן געדאַנק האָט זי אין זיך גע־וועקט אַ זיכער געפיל, אַז איר סאָל וועט צוריקקומען. ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים אויסגלעטן די זייטיקע קנייטשן אויף דער דעק פון זיין בעט, האָט זי דאָס שוין געטאָן במעט מיט דער זעלבער רואיקייט ווי יעדן טאָג, ווען ער פלעגט אַוועקגיין אין קאָלעדזש.

זי דערמאָנט זיך ערשט איצט מיט וואָס פאַר אַ פאַרגליווערטער גלייכגילטיקייט זי איז צוריקוועגס פון דער באַן־סטאַנציע, פאַרבייגע־גאַנגען איר הויז, מיט אַ קאַלטן געפיל, ווי דורך אַ פרעמדער היים... און אַז זי האָט דאָרט מער ניט וואָס צו טאָן. און איז אַוועקגעגאַנגען גלייך אַהין, כדי באַלד זיך צו טרעפן מיט די אַלע אַנדערע מאַמעס, וואו מען טיילט זיך מיט בענקשאַפטן און האָפענונגען. . . און ביז איצט פילט זי ווי נישטיק עס זיינען פאַר איר געוואָרן אירע הויז־פליכטן. דאָס ביסל עסן צוגרייטן פאַר זיך מיטן מאַן; איז דאָס אויך איצט אַן אַרבעט? . . . אַז די באַליבסטע מאכלים וואָס זי פלעגט מאַכן פאַר איר סאָלן, וואָס איז אויך געווען איר באַליבטע אַרבעט, קען זי זיך איצט צו דעם ניט צורירן. . .

זי דערמאָנט זיך איצט נאָך אַמאָל אָט־יענעם פיינלעכן מאָמענט, ווי עס איז איר באַפאַלן אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך איר סאָל׳ן, האָט זי זיך געכאַפּט צו מאַכן איינעם פון זיינע אַ באַליבטן מאכל, אָבער נאָך דעם ערשטן ביסן האָט איר מאַן שווייגנדיק אַוועקגערוקט דעם טעלער. . .

אין אָוונט האָט פעני דערציילט איר מאַן פון איר היינטיקער באַ־געגעניש, און מיט אָפענעם שטאָלץ צוגעגעבן: — זאָלסט געווען זען ווי זי האָט זיך געטוליעט צו מיר, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, ווען ס׳געפינט אַן אייגענעם מענטשן. איך וועל איר דאַרפן אַרויסשלעפן פון

מ י נ ע   ס מ אָ ל ע ר

אָט־דעם יאוש. . .

אין אַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וואו פעני מיט סיליע'ן זיינען געווען טעטיק, האָט מען זיי גערופן די „גוט־פעלס" אָדער „דער צווילינג", ווייל זיי האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען סיי ביי דער אַרבעט, ביים קומען, און אַוועקגיין, אָבער יעדער איינער האָט געזען, אַז פעני האָט די אויפזיכט איבער סיליע'ן, ווי אַן עלטערע דערפאַרענע שוועסטער איבער גאָר אַ יונגערע, כאָטש זיי זיינען ביידע געווען אין דעם זעלבן עלטער.

פעני, אַ פולבלוטע, אַ הויך־וואוקסיקע, מיט אַ רונדן ליכטיקן פנים און מילדע ברוינע אויגן. די געדיכטע ברוינע ברעמען האָבן נאָך מער אַרויסגעבראַכט דעם קאָנטראַסט פון איר פרי־געוואָרענעם גרויען קאָפּ האָר, שטענדיק נעט פאַרקעמט אין טיפע קנייטשן.

סיליע אַליין האָט ניט געמאַכט קיין סוד דערפון; אַז זי איז אינגאַנצן פאַרשלונגען אונטער פעני'ס איינפלוס. זי האָט שטיל אין זיך איר מקנא געווען, וואָס זי קען אַזוי קונציק פאַרדעקן איר אינערלעכע אומרואיקייט מיט אויסערלעכער געלאַסנקייט.

צווישן די צוויי בייע חבר'טעס האָט זיך צוזאַמענגעוועבט אַן אינטימע פריינטשאַפט. די טאָג־טעגלעכע צוזאַמענטרעפן, סיי פּערזענלעך, אָדער דורך טעלעפאָן־געשפּרעכן, וואו מען האָט אין די פרימאָרגנס געלייענט איינע פאַר די אַנדערע די אָנגעקומענע בריוו פון די זין.

פעני, האָט ביי יעדן בריוו פון איר זון אויסגעדריקט פאַר סיליע'ן איר אַנטוישונג און טיפע זאָרג פון איר סאַל'ס בריוו. און אַז זי לייענט פון זיי אַרויס פונקט דאָס פאַרקערטע, פון זיין פריערדיקן כאַראַקטער. ער איז דאָך שטענדיק געווען אַזאַ צאַרטער, אַזאַ מיטפילנדיקער. ער פלעגט אונדז מערער צערטלען ווי מיר אים, און איצט זיינען זיינע בריוו אַזעלכע טיף ערנסטע מיט פעסימיסטיש־פילאָזאָפישן וועלט־באַנעם.

אין אַלע זיינע בריוו האָט זיך געפילט, אַז ער ראַנגלט זיך מיט ספקות, וועגן דעם מהות פון דעם מענטשלעכן מין.

— איך האָב אַליין געזען — האָט פעני געלייענט אַן אויסצוג פון סאַל'ס אַ בריוו, — אַז די דייטשן זיינען די ברוטאַלסטע בעסטיעס בצורת־מענטש. . . נו, וואו איז דער אויסערלעכער אונטערשייד, וואָס זאָל אונדז אָפּטיילן פון זיי? — און אַט מיט אַ סך אַזעלכע פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען און פילאָזאָפישע אויספירן זיינען געווען אָנגעפילט אַלע זיינע בריוו. בלויז ביים סוף זיינען געווען צוגעגעבן עטלעכע ווערטער, מיט אַן אָנפראַגע וועגן זייערביידנס געזונט.

צוויי מאַמעס

סיליע האָט אויך געהאַט אַ סך נאָכצוטראַכטן וועגן איר זונ׳ס בריוו און ווייל זיינע בריוו זיינען דווקא געווען אַזעלכע וואַרעמע, צערטלעכע, האָט איר אויך געגאַגט אַן אומרואיקייט, ווייל דזשעק איז געווען, ווי זי און איר מאַן פלעגן אים רופן, — אַ ווילדע פּאַרשייטע בריאה! ער פלעגט אַריינלויפן אין הויז ווי אַ ווינט, און אַרויסלויפן ווי אַ שטורעם, מיט זיינע בייז־באַל מכשירים אין די הענט, איבערלאָזנדיק אַלע זיינע זאַכן צעוואָרפן איבערן גאַנצן הויז.

ווען ער איז אויסגעוואַקסן האָט ער נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט זיך אַריבערגעקליבן אין זיין אייגענער וועלט פון אַלערליי גימנאַסטישע איבונגען. — אונדזער זון וועט שוין באַלד פאַרגעסן ווי מיר קוקן אויס, האָט קיינמאָל קיין צייט ניט מיט אונדז אַ וואָרט אויסצוריידן, — פלעגט סיליע מיט טיפן פאַרדרוס דאָס איבערריידן פאַר איר מאַן. און דערביי פלעגן זיי מיט אייגענער באַוואונדערונג נאָכקוקן זיין מאַסיווע ברייטע פּלייצע, זיין גלייכן אַטלעטישן גאַנג, וואָס האָט אויסגעדריקט זעלבסט־זיכערקייט און גרויסע גבורה.

— אַ גרויסער שיינער בחור, — פלעגט זי נאָכטראַכטן מיט פריי־דיקן שטאָלץ.

אָבער זיינע וואַרעמע בריוו האָבן איר גאָר איבערראַשט. עס האָט זיך איר גאָר ניט געקענט גלויבן, אַז ער פאַרמאָגט גאָר אַזוי פיל האַר־ציקע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט אויסגעדריקט זיין גרויסע ליב־שאַפט צו זיינע עלטערן, און עס פלעגט זיך אין איר פאַר׳גנב׳ענען אַ פאַרדאַכט: — אפשר איז ער גאָר, חלילה, קראַנק?

מיט אַ היסטעריש פריידיקן קול האָט סיליע דורכן טעלעפאָן גע־לאָזט וויסן פעני׳ן די גוטע בשורה, אַז איר דזשעק קומט אַהיים, און אַ גאַנצער, אַ געזונטער! — אַזוי שרייבט ער. זייער ווייטערדיקער גע־שפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן אין אַן אויפגעלייזטן, פריידיקן גע־וויין. סיליע האָט שוין אויך געלאָזט וויסן פעני׳ן, אַז די עטלעכע טעג וועט זי זיין אין דער היים צוצוגרייטן די הויז פאַר דעם גרויסן גאַסט.

עס איז שוין געווען נאָך צען אַזייגער אין אָוונט, ווען סיליע האָט זיך געכאַפּט, אַז פעני האָט איר היינט ניט אָפּגערופן אין טעלעפאָן. פעני׳ס אויסרעכענונג, האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — זי ווייסט, אַז דזשעק קומט שוין מאָרגן, וויל זי ביי איר קיין צייט ניט צונעמען.

נאָך אַ קורצן טראַכטן האָט סיליע אָפּגערופן פעני׳ן. עס האָט איר געענטפערט אַ פרעמדע שטים, אַז פעני איז קראַנק אין בעט. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר עס איז שוין קיין ענטפער ניט געקומען.

מינע סמאָלער

זי איז נאָך געזעסן אַ היפּשע צייט ביים טעלעפאָן און קיין ענטפער ניט געקראָגן.

דורכגענומען פון האַרבסטיקער נאַכטיקער קעלט, האָט סיליע זיך געכאַפּט, אַז זי טראָגט איר מאַנטל אין האַנט. האָט אַפילו ניט געדענקט, ווי אַזוי זי איז פון הויז אַרויס.

שוין פון ווייטן האָט סיליע דערזען, אַז ביי פעני'ן איז ליכטיק אין אַלע פענצטער . . . סיליע איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר פון קיך. איר דערשראָקענער בליק האָט מיט איין מאָל אַרומגעכאַפּט די אַלע אומבאַקאַנטע און באַקאַנטע פאַרטרויערטע פנים'ער. עס איז צו־געקומען צו איר פעני'ס אַ נאָענסטע שכנה. מיט אַ צוגעלייגטן פינגער צום מויל האָט זי געגעבן סיליע'ן אַ צייכן, אַז זאָל שווייגן. זי האָט איר אָפּגעפירט אין אַ זייט, און האָט איר דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן, ווי זי האָט גאַנץ פרי דערהערט פון קערעדאָר אַ שרעקלעכן אויסגעש־שריי, און ווען זי איז אַרויסגעלאָפן, האָט זי געטראָפן פעני'ן ליגן אויפן דיל אַ גע'חלש'טע, און לעבן איר אַן אָפענע טעלעגראַמע, אַז סאָל איז געפאַלן אין שלאַכט!

די עטלעכע פרויען, וועלכע זיינען געזעסן אַרום פעני'ס בעט האָבן זיך אָפּגערוקט, כדי צו געבן סיליע'ן דעם נאָענטסטן פּלאַץ לעבן פע־ניין. פעני איז געלעגן אומבאַוועגלעך, מיט טעמפּע פאַרגלייזטע אויגן און געקוקט אין חלל. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו סיליע'ן. זיי האָבן זיךביידע אַנגעקוקט אין פאַרגליווערטן שווייגן.

* * *

עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג פון דזשעק'ס קומען אַהיים. סיליע איז די צוויי טעג אַרומגעגאַנגען אין טיפן קאָשמאַר. אַט־יענער שטאַרקער וואונטש, וואָס זי האָט צוריק מיט צוויי טעג געהאַלטן פאַר איר הייליקסטן חוב, אַז איר דזשעק, זאָל איר העלפן טרייסטן פעני'ן מיט אַ מיטפילנדיקער פריינטלעכקייט, אָט ווי פעני פלעגט איר דער־ציילן פון איר סאָל'ן, ווי פריינטלעך ער פלעגט זיך באַציען צו אַלעמען, כאָטש עס האָט איר געמאַטערט אַ צווייפל, צי ער וועט דאָס קענען זיין. אָבער דער וואַרעמער טאָן פון זיינע בריוו האָט איר געגעבן האָפע־נונג. . .

אָבער זינט דזשעק איז געקומען האָט אָט־דער וואונטש אירער אינ־גאַנצן זיך אָוועקגערוקט אָן אַ זייט. עס האָט איר איצט געמאַטערט אַ פאַרדאַכט, אַז עס לויערט אויף איר אַן אייגענער אומגליק, וואָס איז נאָך איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל. . .

צוויי מאַמעס

די גאַנצע צוויי טעג האָט סיליע נאָכגעקוקט איר זון, וועלנדיק אַרויסשפּירן פון אים כאָטש צייכנס פון זיין פריערדיקן געזונטן אימ־פּעט, און די זאָרגלאָזע פריילעכקייט, כאָטש זיין פּנים איז, ווי פריער, פאַרהאַרטעוועט, און נאָך מערער פאַרברוינט פון דער טראָפּישער זון, האָט זיך אָבער אַרויסגעזען אַן אָפענע פאַרזאָרגטקייט און אַ פאַרטראַכטער טרויער אין זיינע גרויסע ברוינע אויגן.

עס איז געווען נאָך אָנבייסן. סיליע האָט שוין ניט געקענט דער־ענדיקן די קיך־אַרבעט. די באַהאַלטענע אומרואיקייט האָט איר אַלץ מערער באַהערשט. זי איז מיט שטילע, שנעלע טריט אַריין אין פראָנט צימער, וואו דזשעק איז געזעסן ביים פענסטער אַן אומעטיקער, אַ פאַר־טראַכטער. סיליע האָט זיך שטיל אַוועקגעזעצט לעבן אים. דזשעק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט מיט טרויעריקע בליקן.

— דזשעק, וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? ביסט, חלילה, קראַנק? — האָט זי קוים אַרויסגערעדט מיט פאַרדריקטן קול.

— ניין, מאַמע, איך בין פון יענע גליקלעכע, וואָס איז אַרויס פּי־זיש גאַנץ, — האָט ער ווי פאַר זיך אַליין געענטפערט, — עס איז שווער צו פרייען זיך מיט דעם אייגענעם לעבן, ווען מען לאָזט הינטער זיך די נאָענטסטע — טויט! . . . — סיליע האָט דערפילט, ווי עס האָט זיך אים פאַרדריקט אַ קנויל אין האַלדז. ווען ער איז מיטאַמאָל צוריק אַנט־שוויגן געוואָרן. — דערצייל, — האָט זיך סיליע געבעטן ביי אים, — רעד זיך אויס, וועט דיר ווערן גרינגער. . .

דזשעק האָט איר דערציילט, אַז ער האָט דאָרטן געהאַט אַ טייערן חבר, און אַז פון דער ערשטער באַגעגעניש האָבן זיי זיך ביידע שטאַרק ליב געקראָגן, און זיי זיינען געווען די גאַנצע צייט צוזאַמען, און זיך געטיילט מיט נשמה־געפילן. . . — ער האָט נאָכאַמאָל אָפּגעהאַקט די רייד און פאַרזונקען אין אַ פיינלעכן טראַכטן.

— דערצייל. . . — האָט אים סיליע ווי געוועקט.

— נו, וואָס קומט אַרויס? — האָט ער זיך ווי אָנגעכאַפּט אָן די לעצטע פעדים פון פיינלעכע דעראינערונגען — מיין חבר, דען, איז אויך געווען דער איינציקער ביי זיין מאַמען. זיין טאַטע איז שוין לאַנג טויט. דען האָט זיין מאַמען שטאַרק ליב געהאַט, און ביי יעדן מאָל ווען מיר זיינען געגאַנגען אין שלאַכט האָט ער מיר דערמאָנט, אַז מיר זאָלן האַלטן אונדזער צוזאָג, אַז אויב ער פאַלט און איך וועל בלייבן לעבן,

מינע סמאָלער

זאָל איך פאָרן צו זיין מאַמען און זי טרייסטן און פאַרזעצן מיין פריינט־שאַפט צו איר. דאָס זעלבע האָט ער אויך מיר צוגעזאָגט, אויב ער וועט בלייבן... ביי אַט־די ווערטער האָט סיליע זיך אַ טרייסל געטאָן, און אים אַנגעכאַפּט ביי ביידע הענט.

— מאַמע! — עס איז געווען פיינלעך, — פיינלעך שווער איבער־צולאָזן מיין דעני׳ן אַן אומבאַוועגלעכן אין אונדזער שוץ־גרוב . . . די זעלבע קויל איז דורכגעפלויגן לעבן מיין קאָפּ און איז אַריין אין זיינעם! — סיליע האָט נאָך שטאַרקער זיך איינגעקלאַמערט מיט אירע הענט אין זיינע.

דזשעק האָט געלייענט פאַר זיין מאַמען געוויסע אויסצוגן פון די בריוו, וואָס ער האָט שוין געקראָגן פון דענ׳ס מוטער; — ווי זי שרייבט אים, צווישן די פיל באַ׳צער׳טע אויסדרוקן — אַז זיינע בריוו זיינען פאַר איר אַ גרויסע טרייסט און אַז זי פילט אין זיינע בריוו איר דענ׳ס נייסט. . . וואָס ער האָט פאַרקערפּערט אין דזשעק׳ן פאַר איר . . .

דזשעק האָט שוין אויך געלאָזט וויסן זיין מאַמען, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער פאָרן זיך זען מיט דענ׳ס מאַמע, כאָטש עס איז זייער ווייט.

סיליע האָט מער ניט געקענט אונטערדריקן פעני׳ס טראַגעדיע. זי האָט דערציילט דזשעק׳ן מיט אַלע איינצלהייטן איר באַגעגעניש מיט פע־ני׳ן און פון זייער אינטימער פריינטשאַפט, און פון איר איצטיקן אומגליק.

דזשעק האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקן שטעל אויף און צו סיליע׳ס איבערראַשונג — כמעט מיט דעם זעלבן אימפּעט ווי אַמאָל. — קום מאַמע, — האָט ער ווייך אַרויסגערעדט, — לאָמיר שוין גיין צו פעני׳ן; אפשר וועל איך איר אויך קענען טרייסטן, אויב זי וועט זיך לאָזן. . . ווייל מיר לעבן־געבליבענע דאַרפן איצט זיין צו אַט־די מאַמעס אויך. . .

— יאָ, פעני וועט זיך לאָזן טרייסטן. . . — אָבער וואַרט, מיין זון, איך וועל פריער אַליין גיין. . . — זי האָט אים צוגעדריקט צו זיך מיט געמישטע געפילן פון צער און פרייד.

וויקטאָר׳ס פרימאָרגן

דאָס שטעטל ליגט נאָך איינגעהילט אין נאַכטיקער שטילקייט. די בלאָטיקע גאַסן זיינען שוואַרץ. די נידעריקע שטיבלעך זעען אויס ווי גראָע שלאָפנדיקע בערן און די נאַקעטע בוימלעך ווי געשפּענסטער. מיט אַמאָל שניידט דורך די פינצטערע שטילקייט אַ הילכיקער פייף. די לופט טוט אַ ציטער. ס׳באַוויזט זיך ליכט. אין די קליינע פענצטערלעך זעט מען באַוועגלעכע סילועטן אויף גרויע ווענט, קעפּ אַראָפּגעלאָזטע, הענט אויפגעהויבענע, רוקנס געבויגענע. הינט קריכן וואו נישט וואו אַרויס פון די וואַרעמע נאָרעס, טרייסלען זיך אָפּ, גייען לאַנגזאַם צו די ליכטיקע שטיבלעך, ציען זיך אין דער גאַנצער לענג אויפן שמאָלן בריקל וואָס לעבן הויז, פאַררייסן די קעפּ און קוקן אַריין מיט הונגעריקע אויגן.

דער קליינער וויקטאָר האַלט נאָך אינמיטן טיפן קינדערשן שלאָף. די מאַמע האָט אים שוין צוויי מאָל געוועקט, נאָר ער שלאָפט אַזוי גע־שמאַק אַז זי קען אים נישט אויפרייסן. דאָס דריטע מאָל שטייט זי איצט לעבן זיין בעט, „זון מיינער, ס׳איז שוין באַלד דער צווייטער פייף״. זי גיט אים צאַרט אַ טרייסל, ער גיט אַ בורטשע אַ פּאָר ווערטער, דרייט זיך ווידער צוזאַמען, נורעט איין די קני אין די הענט און ווערט צוריק אַנט־שלאָפן. די מאַמע שטייט אַ פאַרצווייפלטע: וואָס טוט מען? ער וועט זי־כער פאַרשפּעטיקן; ווי וועקט מען אים אויף?

זי דרייט אַרויס דעם קנוט פונעם קעראָסין־לעמפּל. די מאַטע ליכ־טיקייט צאַמט איין ווי אַ רינג וויקטאָר׳ס בלאַסן קינדערשן פּנים. די מאַמע פאַרברעכט די הענט.

ווי בלאַס ער איז! זיין קינדערש פּנים איז איינגעשרומפּן. בלאָע רינגען ליגן אונטער זיינע צוגעמאַכטע אויגן. די ליפּן זיינען בלאַס און בלוטלאָז. ער מורמלט עפּעס פון שלאָף, אפשר האַלט ער אינמיטן אַ גוטן חלום און קען זיך נישט פאַרגינען אויפשטיין. יעדן טאָג ווערט אים אַלץ שווערער אויפצושטיין.

די מוטער שטייט איבער אים אַריבערגעבויגן און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

מיט אַמאָל שניידט גרילצנדיק דורך די לופט דער צווייטער פייף.

מינע סמאָלער

די מוטער גיט זיך אַ צאַפּל. ער האָט שוין ביז איצט געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס הויז. צום דריטן פייף מוז ער שוין זיין אין פאַבריק. זי פאַלט צו צו וויקטאָר׳ן, הויבט אים אָן צו טרייסלען מיט פאַרצווייפלטן געבעט. „שטיי אויף, זון, שטיי אויף!״ זי זעצט אים אויף אַ שלאָפנדיקן. ער וויל זיך צוריק אַוועקלייגן. זי האַלט אים אונטער און ברעכט אויס אין אַ געוויין.

דער מוטער׳ס געוויין דערשרעקט אים. ער עפנט ברייט די אויגן.

— וואָס ווילנסטו, מאַמע?

זי כליפּעט אַרויס מיט האַרץ־ווייטיק:

— ס׳איז שוין געוועזן דער צווייטער פייף!

וויקטאָר טוט זיך אַ ריס פונעם בעט, כאַפּט זיך אָנטאָן, אַלצדינג פאַלט ביי אים פון די הענט. דאָס הערצל קלאַפּט אים.

— אוי, מאַמע, איך האָב מורא, איך האָב פאַרשפּעטיקט!

וויקטאָר הויבט אָן צו וויינען. די קלענערע קינדער דערהערן דעם טומל, כאַפּן זיי זיך אויף מיט אַ געשריי. די מוטער, בייז און צערודערט, לויפט צו צו וויקטאָר׳ן, שרייט אים אין פּנים אַריין:

—דו! אַלץ איבער דיר! אויב דו וועסט זיין שפּעט צו דער אַרבעט, זאָלסטו זיך מער פאַר מיינע אויגן נישט ווייזן.

וויקטאָר טוט אַ כאַפּ דאָס פּעקעלע עסן, לויפט אַרויס פונעם הויז מיט אימפּעט, לויפט דעם גאַנצן וועג אָן אַן אָטעם, אָבער דער דריטער פייף טרעפט אים אויפן וועג. וויקטאָר זעט פון ווייטן, ווי דער טויער פון פאַבריק פאַרמאַכט זיך. פונדעסטוועגן גייט ער צו, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן פאַרמאַכטן טויער און קוקט אַריין אין פאַבריק־הויף. ער צעוויינט זיך מיט אַ כליפּנדיקן געוויין.

דער היטער פון פאַבריק גייט אַרויס און פרעגט אים:

— וואָס שטייסטו דאָ? וואָס ווילנסטו?

וויקטאָר דערקלערט אים, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט, און בעט אים ער זאָל אים אַריינלאָזן. דער היטער באַטראַכט אויפמערקזאַם זיינע צעריסענע קליידער, זיינע מאַגערע הענט, זיין קינדעריש אויסזען, און פרעגט:

— ווי אַלט ביזטו? דו דאַרפסט נאָך גיין אין סקול; ווי קומסטו צו דער אַרבעט?

וויקטאָר כאַפּט זיך אָן אָן דער פראַגע ווי איינער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטרוי.

וויקטאָר שטופּט די קולאַקעס אין די פייכטע אויגן און דערקלערט, אַז ער איז אַלט צוועלף יאָר, אַז זיין טאַטע איז קראַנק אויף די לונגען און

ליגט אין שפּיטאָל, אַז די סקול־באַאַמטע האָבן אים אָפּגעלאָזט פון סקול, כדי ער זאָל קענען גיין אַרבעטן און דערנערן די פאַמיליע, אַז מ׳האָט אים צוגענומען דאָ אין דער פּרוכט־פּרעזערוו־פאַבריק פאַר זעקס דאָלאַר אַ וואָך, אַז ער דאַרף דאָס איצט מאַכן אַ לעבן פאַר דער מאַמען מיט די קלע־נערע קינדער און אַז אויב ער פאַרלירט אַ טאָג אַרבעט, וועט אויספעלן אַ טאָג עסן פאַרן גאַנצן הויזגעזינט. ער הויבט אָן בעטן מיט אַ דרינגענדיקער שטים. עס איז נישט זיין שולד. עס איז אים שווער אויפצושטיין, ווען ס׳איז נאָך פינצטער.

דער היטער האַקט אים איבער די רייד:

— זון, עס טוט מיר לייד. איך קען דיר גאָרנישט העלפן. כ׳בין אַליין אַ געדונגענער מענטש. איך קען פאַרלירן מיין דזשאָב. וועסט זיך שוין אונ־טערויילן, אויב דו ווילסט זיין אַ „בעל־מלכה״. דער וועכטער רוקט אים אין האַנט אַ פּאָר קליינע מטבעות און הייסט אים גיין אַהיים, זיך גוט אויס־רוען, נישט צו פאַרשפּעטיקן מאָרגן.

וויקטאָר איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער. ער האָט זיך אַרונטער־געלאָזט אויף אַ בערגעלע שטיינער, און אין זיין קינדערשן מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט געדאַנקען: זאָל ער נעמען דאָס געלט, אָדער נישט? אויב ער נעמט עס, וועט דאָך באַב זיין גערעכט, וואָס ער רופט אים בעטלער. ווען באַב זעט אים איצט, וואָלט ער גערופן די גענג און מ׳וואָלט געמאַכט אַ טומל. „בעטלער! בעטלער!״

ווי פיינט ער האָט די פאַסקודנע חברה! ווי וואָלט ער וועלן נקמה נעמען פון זיי!

זינט ער איז געקומען אין שטעטל, קומט אין סקול פאָר אַ שטענדיקע מלחמה צווישן אים און זיינע חברים מיט באָב׳ן און זיין גענג. וויקטאָר איז פון די פייאיקסטע אין סקול, ער באַנעמט אַלצדינג שנעל און העלפט נאָך אַלעמען אַרויס, אָבער באָב מיט זיין גענג זידלען אים מיט זיינע פריינט: „צעריסענע הויזן! הונגעריקער הונט! סענדוויטשעס מיט גאָרנישט!״ באָב מיט זיין גענג עסן פולע סענדוויטשעס, גייען בעסער אָנגעטאָן, פאַר־בייסן נאָך מיט דזשעם, מיט פּאַי, אָדער קעיק.

די צווי גרופּן האָבן באַזונדערע פּלעצער צום עסן און צום שפּילן זיך. זיי זיינען צווי פיינטלעכע לאַגערן. אַפילו אין דער אָרעמער אָפּטיילונג איז וויקטאָר דער אָרימסטער. אַפילו קיין ליידיקע סענדוויטשעס האָט ער אויך נישט געגוג. ווען אַלע עסן אָפּ אין דער רייכער אָפּטיילונג און עפּעס בלייבט ביי עמיצן, פרעגט ער:

מינע סמאָלער

— גייסט דאָס אָוועקוואַרפן ? גיב עס מיר.

וויקטאָר זיצט אויפן בערגל שטיינער און אין קאָפּ יאָגן זיך געדאַנקען. הייסט דאָס בעטלען ? איז ער טאַקע אַ בעטלער ? יענער וועט עס דאָך סיי־ווי אָוועקוואַרפן.

וויקטאָר מאַכט צוויי פּויסטן. אָ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט באָב'ן. דאָס ערשטע וואָלט ער אים צעריסן די הויזן. אַניט וואָלט ער געוואָרפן אַ זשמעניע בלאָטע אויף זיין נעטן אויסגעפּרעסטן מאַנטל. זאָלן אַלע זען, אַז ער איז אַ מיאוס'קייט. אַזאַ פאַרשטאָפּטע קאָפּ! אין טקול קען עס קיין זאַך נישט! די גאַנצע גרויסקייט נעמט זיך דערפון, וואָס זיין טאַטע איז פאַרמאַן אין דער פרעזזערוו־פאַבריק!

וויקטאָר מאַכט ביי זיך אָפּ, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן, זאָל ער ווערן אַ גרויסער העלד און די גאַנצע געגנט זאָל פאַר אים ציטערן.

אַ שטויס אין די צוזאַמענגענומענע קניען האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע טרוימען. דער היטער איז געשטאַנען לעבן אים.

— העי, קליינער, וואָס האָסטו זיך אָוועקגעזעצט ? דו וועסט זיך פאַרקילן !

וויקטאָר טאַפּט אין דער האַנט די מטבעות, וואָס דער היטער האָט אים געגעבן. אים מאַטערט אַלץ דער געדאַנק : אָפּגעבן אָדער נישט ? ער גייט אָפּ אַ פּאָר טריט. ער באַשליסט אָפּגעבן די מטבעות. ער גייט צוריק, אָבער דער היטער איז שוין נישטאָ.

וויקטאָר שטייט און טראַכט : וואוהין גיין, אַהיים ? ער האָט נישט קיין מורא פאַר דער מאַמעס שעלטן אָדער קלעפּ. אָבער איר געוויין קען ער נישט פאַרטראָגן. ער וואָלט אַלץ אין דער וועלט געטאָן, אַבי זי זאָל נישט וויינען. ניין, ער וועט אַהיים נישט גיין. ער וועט איר נישט אָנטאָן דעם צער. אַ געדאַנק טוט פּלוצלונג אַ בליץ־אויף אין וויקטאָר'ס מוח און אויף זיין בלאַסן פּנים'ל באַוויזט זיך אַ שמייכל. באַלד וועלן די קינדער גיין אין סקול. ער וועט נאָר אָפּוואַרטן דזשעק'ן. ער וועט אים איינרעדן, ער זאָל היינט נישט גיין אין סקול. זאָלן זיי בעסער ביידע גיין אין וועלדל. זיי וועלן אַ סך נעסטן אָנקלייבן. זיי וועלן אויך אָנקלייבן אַ ביסל דאַרע צווייגן. זאָל זיין פאַר דער מאַמען דעם אויוון צו הייצן.

ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון סקול. אין געסל, וואו אַלע קינדער מוזן פאַרבייגיין, האָט ער זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל הינטער אַ פּלויט. דאָ וועט ער וואַרטן, ביז דזשעק וועט דורכגיין. ער וויל נישט, אַז

וויקטאָר׳ס פּרימאָרגן

די סקול־קינדער זאָלן אים זען. נישט ער גייט אין סקול און נישט ער אַרבעט.

אָט גייען זיי דורך איינע נאָך די אַנדערע מיט די פּעקלעך עסן אין איין האַנט און די ביכער אין דער צווייטער.

וויקטאָר גיט זיך מיט אַמאָל אַ צאַפּל. אָט גייט באָב! ניט טראַכטנדיק, גיט ער. אַ שפּרונג אַרויס און קומט אים אַקעגן. באָב באַשיט אים גלייך מיט פראַגן:

— וויקטאָר, אַרבעטסט מער נישט? גייסט שוין צוריק אין סקול? ווייסט, וויקטאָר, איך האָב דאָך געקראָגן אַ צוויי. דער לערער זאָגט, אַז איך בין אַלרייט.

וויקטאָר קוקט אויף אים מיט אויגן וואָס ברענען פון כעס. ער באַטראַכט זיין פּעקעלע עסן. ער ווייסט, אַז דאָרטן ליגן גוטע סענדוויטשעס מיט אַנדערע געשמאַקע זאַכן. עס גייט אים איבער די סלינע. ער הויבט אויף די האַנט מיט אַ פאַרמאַכטן פויסט און גיט אַ פּאַטש אין דער לופטן:

— וואַרט, וועסט נאָך אַריינקריגן פון מיר! ליגנער! האָסט קיין צוויי נישט געקראָגן! פאַרשטאָפּטע קאָפּ!

ער לאָזט זיך גיין צוריק. באָב בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. ער מאַכט אַ פּאָר טריט צוריק און שרייט אים נאָך:

„בעטלער! בעטלער!"

איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז וויקטאָר געווען לעבן אים און האָט אים אָנגעהויבן זעצן מיט פויסטן איבערן קאָפּ און פּנים. באָב איז באַלד געלעגן אויף דער ערד אַ שרייענדיקער.

עס זיינען אָנגעלאָפן אַ פּאָר קינדער. וויקטאָר האָט נאָך באַוויזן צעטרעטן באָב׳ס ביכער און צעוואָרפן זיין פּעקל עסן. נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט לויפן. אויפן ווינקל פון דער גאַס האָט ער זיך שנעל אומגעקוקט: צוויי אינגלעך האָבן געהויבן באָב׳ן פון דער ערד און אַ דריטער האָט צוזאַמענגעקליבן זיינע ביכער. וויקטאָר איז אָפּגעלאָפן נאָך אַ שטרעקע און זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם. קיינער איז אים נישט נאָכגעלאָפן. מיטאַמאָל האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַ געדאַנק: „איצט וועט באָב׳ס טאַטע אים אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דער אַרבעט". פון דעם געדאַנק איז אים געוואָרן קאַלט. אָבער נאָר אויף איין מינוט. אין האַרצן האָט זיך באַלד אַריינגעגאָסן אַ וואַרימע פרייד: ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער האָט געפּויקט מיט די פויסטן איבער באָב׳ס קערפּער. ער האָט זיך נוקם־געווען!

מינע סמאָלער

ער האָט געוויזן, ווער שטאַרקער איז. ער האָט געזיגט. די גאַנצע סקול וועט וויסן, אַז ער, וויקטאָר, האָט אַוועקגעלייגט באָב'ן. וויקטאָר'ס חברים וועלן זיך פילן שטאָלץ. זיי וועלן מער נישט מורא האָבן פאַר באָב'ס געגנג.

וויקטאָר איז אַזוי געוואָרן פריילעך, אַז ער האָט אומגערן אַרויסגעלאָזט אַ פייף. — דער „קריגס־פייף" האָט מען עס גערופן צווישן חברים. פון דער ווייטן האָט דזשעק אָפּגעענטפערט מיטן זעלביקן פייף.

וויקטאָר האָט זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן אויף דזשעק'ן.

פּענסי באָטנהאָלס און פּאַקעטס

סעם דער פּרעסער איז היינט, ווי אַלעמאָל, אַריינגעקומען אין שאַפּ דער ערשטער. נאָך דעם ערשטן טעמפּן קלונג פון גלעקל איבערן טיר האָט דער באָס אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון הינטער אַ געדיכטן שראַנק מיט מאַנטלען, באַגעגנט סעמ'ס בליקן און געענטפערט מיט אַ שוואַכן שאָקל מיטן קאָפּ אויף זיין גוט־מאָרגן, און איז צוריק פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די מאַנטלען.

סעם טוט פויל אויס דאָס רעקל, פאַרקאַטשעט די אַרבל, קרעכצט אַרויס ווי פאַר זיך אַליין: „שוין הייס״... ער באַוועגט זיך שווער; די שווערע טריט הילכן אָפּ אין דער שטילקייט פון דעם שאַפּ. סעמ'ס שווע־רער, אַראָפּגעלאָזטער בויך, דער לאַנגער אַראָפּגעהאַנגענער גוידער, די ווייכע אַראָפּגעצויגענע באַקן, די אַנגעבלאָזענע זעקלעך אונטער די אויגן מאַכן דעם איינדרוק, אַז אָט די אַלע שווערע אברים האָט מען אומיסטנע אויף אים אָנגעהאַנגען, און ער אַליין, ווי אַ באַזונדערע זאַך, מוז דאָס אַלץ אויף זיך טראָגן. ער האָט זיך צוגעשלעפּט אין זיין ווינקל, אויפגעדרייט די עלעקטריק און זיך גענומען צורעכט מאַכן דעם פּרעס־טיש. פּלוצלונג דערהערט ער אַן אויסגעצויגענעם געניץ. ער הויבט שנעל אויף דעם קאָפּ. אַנטקעגן אים, אין אַ באַזונדער ווינקל, שטייט די קורצע ריי מאַ־שינען, איבערגעדעקט מיט גרויע לייוענטענע דעקלעך. זיי קוקן אויס ווי אַ שורה נייע קינדערשע מצבות. נאָר איין מאַשין, אין עק, איז שוין אַ שוואַרץ־אָפּגעדעקטע, ווי אַ פרישׂ בערגל ערד, און לואי דער לאַנגער זיצט שוין איבער איר ווי אַן אבל איבער אַ פרישן קבר.

סעם קוקט אויף אים פאַרוואונדערט:

— אַזוי פרי, לואי? וואָס האָט פּאַסירט? פריער פון מיר?

לואי גיט אַ ציִ־אויס די לאַנגע פיס אונטער דער מאַשין, פלעכט צוזאַמען די הענט אונטערן קאָפּ און רעדט, גישט־אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו סעמ'ען:

— האָב סיי־ווי היינט נישט געקענט שלאָפן. די זון האָט שוין גאַנץ פרי אָנגעהויבן ברענען. אין שאַפּ איז כאָטש אַ ביסל קילער.

סעם צעלאַכט זיך מיט אַ קורץ־הייזעריק געלעכטערל. ער ווייזט מיט דער האַנט אויף דער פיגור מיט דעם אָנגעטאָנענעם סעמפּל־סוט.

מינע סמאָלער

— אַלבעטשע, אַז דאָס האָט דיר נישט געלאָזט שלאָפן, אָט די צוויי דאָזן באָטנהאָלס אין די קרומע באָטן־האָל פּאַקעטס. אַ סוטל גנב, דאָס לאָזט ביינאַכט אויך נישט שלאָפן.

לואי הויבט זיך אויף, באַטראַכט נאָכאַמאָל דעם סוט.

— צום טייוול! וויפיל אַרבעט זיי האָבן דאָ אַריינגעלייגט.

סעם קומט אויך צו, שאָקלט מיטן קאָפּ.

— מילא, דו וועסט שוין אַריינהאָקן, דו ביסט דאָך עפּעס פון די פענסי בעל־מלאכות. אָבער מיט יענע וועל איך האָבן צרות! וואָס זיי וועלן קאָליע מאַכן, וועלן זיי ווערן, איך זאָל פאַריכטן ביים פּרעסן. אַן עבירה, אַז אַזאַ גוטע וואָרע זאָל אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט.

לואי שמייכלט איראָניש: „דו מיינסט צו זאָגן, אַז זיי וועלן אַריינכאַפּן צרות פון דיר?"

דער טעמפּער קלאַנג פון גלעקל לאָזט זיך הערן אַלץ אָפטער. ביי יעדן קלאַנג הויבט סעם אויף דעם קאָפּ, וואַרפט יעדן צו אַ וואָרט. מ'זיצט שוין אויסגעזעצט ביי די מאַשינען. מ'לייגט אַרויס די געשניטענע גע־וואַנטן פון די קעסטלעך. מ'ווישט אָפּ דעם שטויב פון די מאַשינען. מעקס דער רויטער שרייט אַריבער צו סעם דעם פּרעסער:

— סעם, דו שוויצסט שוין?

— אַ קאַפּיטשקעלע וואַרים, העט?

ער ווענדט זיך צו די אַנדערע:

— נו, אַ היץ! זי איז מיט אַמאָל אָנגעקומען.

עס מישט זיך אַריין מאָריס דער קורזיכטיקער מיט די גראָבע ברילן.

— די היץ ווי די היץ, אָבער די איין־אינטש באָטנהאָלס מיט די קרומע באָטנהאָל־פּאַקעטס, אין אַזאַ טאָג וועלן מיר אַלע איבער זיי שוויצן.

אַלעמענס אויגן שטעלן זיך מיט אַמאָל אָפּ אויף דער אַנטקעגנדיקער פיגור מיט דעם נייעם סעמפּל.

— אַ סוטעלע גנב, — בורטשעט איינער אַרויס.

לואי דער לאַנגער שרייט אַריבער צום צווייטן עק:

— דזשאָ, לאָזט דאָרט די פאַרע. עס איז סיי־ווי הייס, באָטנהאָלס איז דאָ אַ סך, זאָל זיין אַביסל פריער.

— היינט וועט מען נישט קענען שיסן, ברודערקע, — כאַפּט איינער אונטער.

— ער וועט שוין היינט נישט אויסקוקן ווי אַ שבת'דיקער.

דזשאָו'ן האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן שבתיזיקער, ווייל ער קומט אַלעמאָל אַ נאָס־פּאַרקעמטער, אַ פּריש־ראַזירטער ווי שבת פון דעם באָר־בער. דזשאָו הויבט זיך אויף, לאָזט אַראָפּ דאָס הענטל פון דעם שוואַרצן קעסטל אויף די ווענט. עס גיט אַ זעץ אַ פּאַרטויבטע הודזשעריי, וועלכע ווערט באַלד אויסגעמישט מיט דעם גרילצנדיקן רעווען פון די מאַשינען.

עס באַווייזט זיך דער באָס, גיט אַ שנעלן קוק אויפן זייגער, כאַפּט אַלעמען אַרום מיט איין בליק און גייט זיך שנעל אַוועק. זיצן אַלע מיט אַנגעבויגענע קעפּ איבער די מאַשינען, מ'דרייט דעם געוואַנט לאַנגזאַם אונטערן נאָדל. לויט דער לאַנגער הויבט אויף דעם קאָפּ, גיט אַ קוק אויפן זייגער. שוין צען מינוט נאָך אַכט. ער כאַפּט אַ קוק אַנטקעגן ווי איין מאַ־שין שטייט ליידיק. ער שרייט אויס:

— העי, יאַטן, איר זעט גאָר נישט? וואו איז הערי?

אַלע קוקן זיך אום.

— ער האָט זיך אַפּנים דערשראָקן פאַר די פענסי קעשענעס מיט די איין־אינטשיקע באַטנהאָלס, — כאַפּט אונטער מעקס דער רויטער.

— איי וועט ער היינט שוויצן!

— זאָל זיך סעם דער פּרעסער פרייען, — כאַפּט אונטער נייטן דער וואַרפנדיקער (אַזוי האָט אים דער שאָפּ אַ נאָמען געגעבן, ווייל ביי דער אַרבעט וואַרפט ער זיך מיטן גאַנצן קערפּער. ער רעדט שנעל, ווי ער וואָלט וועלן שנעל אַרויסוואַרפן די ווערטער).

— אָ, וועט היינט זיין פריילעך. עס וועלן שוין פליען פּראַנטלעך איבער די מאַשינען.

— און וואָס איז ביי דיר, ברודערקע, — רופט זיך אָן מעקס דער רויטער — ביי דיר וועלן זיי אַלע אַוודאי אַרויס גלאַט און גלייך. צו דעם דאַרף מען האָבן פינגער. וואַרפן זיך וועט דאָ נישט העלפן.

— שאַט, שאַט, — הערט זיך סעם דעם פּרעסער'ס קול.

—ער איז דאָ, ער איז דאָ!

הערי קומט אַריין, גיט אַ קוק אויפן זייגער, וואַרפט צו אַלעמען אַ שנעלן גוט־מאָרגן, זעצט זיך אַוועק ביי דער מאַשין, הויבט אָן אַרויסלייגן פון דעם בלעכענעם קעסטל די געשניטענע שטיקלעך געוואַנט. אַלע גיבן אַ שנעלן קוק אויף אים.

— ער איז נאָך פאַרשלאָפן, — רופט זיך אָן בעני דער פיש (דעם צונאָמען האָבן זיי אים געגעבן ווייל ער שוויגט שטענדיק, בלויז ווען ער וויל, אַז מ'זאָל אים עפּעס דערלאַנגען רעדט ער אויס אַ וואָרט).

אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט.

מינע סמאָלער

— דו זעסט? די פענסי קעשענעס מיט די פענסי לעכלעך האָבן אַפילו פּיש׳ן געמאַכט צו ריידן, — האָט זיך מעקס געחכמה׳ט.

עס איז איבערן שאָפּ דורכגעלאָפן אַ קורצער אַפּגעהאַקטער געלעכ־טער. הערי האָט אַרויסגעלייגט יעדן שטיקל געוואַנט באַזונדער. זיינע הענט האָבן נערוועז געציטערט, מ׳האָט דערקענט אין אים אַ באַהאַלטע־נע אומרואיקייט. ער וואַרפט זיך דורך אַ פּאָר ווערטער מיט דזשאָו׳ן דעם שכן און נעמט זיך צו דער אַרבעט. דורך דעם מאָנאָטאָנעם גערויש פון די מאַשינען רייסט זיך אַלע ווײַלע דורך אַ קול:

— סעם, אַ פּראָנטל!

— שוין באַגראָבן, יע באַגראָבן.

— אַ פּרעסער דאַרף קענען לעבעדיק מאַכן.

הערי וואַרפט צו אַ שטעכיקן בליק צו סעמ׳ען. די שוואַרצע אויגן ברענען מיט אַן אומהיימלעך פייערל. לואי דער לאַנגער מאַכט דער ער־שטער פּאַרטיק אַ דזשעקעט, טוט דאָס אָן אויף דער פיגור. אַלע מאַשינען בלייבן מיט אַמאָל שטיל, קוקן אַריבער מיט נייגיר — ווי אַזוי איז דאָס אַרויס? דער באָס קומט צו, גיט אַ מעסט אָפּ מיט די בליקן די לענג און די ברייט פון די באַטנהאָלס, באַטאַפּט די קונציק־איינגענייטע קעשענעס און גייט שטיל אַוועק. לואי נעמט דעם דזשעקעט לאַנגזאַם אַרונטער, גיט פון דער זייט אַ נצחונ׳דיקן בליק אויף זיי אַלעמען, און אויף זיין דאַרן לאַנגן פּנים שוועבט אַ צופרידענער שמייכל. ער זעצט זיך אַוועק בײַם מאַ־שין און נעמט זיך געשמאַק צו דער אַרבעט.

סעם דער פּרעסער קומט צו. ער ווייזט־אָן אויף לואי׳ן.

— העי, חברה, איר זעט וואָס עס מיינט אַ גוטער בעל־מלאכה? מען דאַרף האָבן פינגער. פינגער דאַרף מען.

ער גיט אַוועק אַ געפּרעסטן באָנדל צו מעקסן דעם רויטן.

— נאַ, דיינע האָט מען נאָך געקענט פּאַרפּרעסן. איין קעשענע האָט זיך נישט געוואָלט פּאַרפּרעסן, געדאַרפט מיט די פיס צוטרעטן.

— דערלאַנגט מאָריס׳ן אַ באָנדל!

— נאַ, דיינע וועלן שוין קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. דו דאַרפסט האָבן נאָך אַ פּאָר ברילן.

מאָריס קוקט אים אָן אַ דערשראָקענער:

— וואָס, זיי טויגן טאַקע נישט?

— נישקשה, — כאַפּט אונטער מעקס דער רויטער, — די שיקסע וועט קענען זיך וואַלגערן אויף דער גראָז מיט אַ ביסל קרומע באַטנהאָלס אויך.

מאָריס בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ נאָענט צום געוואַנט. ער זוכט מיט אַנגעשטרענגטע ברילן — וואו זיינען זיי שלעכט, וואו טויגן זיי נישט? סעם צעלאַכט זיך:

— זע נאַר, ווי ער זוכט! — ער צייגט אָן אויף דעם פלאַץ, וואו דער באָס שטייט. — לאָז אים, ער וועט שוין שנעלער געפינען.

— העי, דזשאָו, האָסט שוין דיינע פּאַרטיק? ווייז אַהער, אפשר וועט מען דיינע גאַרנישט דאַרפן פּרעסן. ביי דיר וועלן זיי אַרויסקומען ווי גלאַט פּאַרקעמט.

סעם דערלאַנגט אים אַ באַנדל פּראַנטס. ער צייגט אָן אויף הערי'ן. ער איז נאָך נישט פאַרטיק? ער איז שוין פאַרטראַכט, אונדזער וועלט־פאַרזאָרגער.

אַלע גיבן אַ שטומען בליק אויף אים. הערי הויבט נישט אויף דעם קאָפּ. הערי דרייט מעכאַניש מיט די הענט. עס זעען זיך בלויז אַרויס די אַנגעשטרענגטע אָדערן אויף דעם הויכן ברייטן שטערן. ער הערט נישט קיינעם. היינט אָוונט דאַרף ער האַלטן אָן איינלייטונג אין זיין יוניט וועגן ערשטן מאַי. ער האָט די גאַנצע וואָך שווער געאַרבעט איבער דעם, עס זאָל אַרויסקומען קלאָר און זאַכלעך. דאָס איז זיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט. ער גייט איבער אין געדאַנק דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל. וועט ער עס געדענקען? און צוזאַמענברענגען די טעאָריע און פּראַקטיק פון טרייד־יוניאָניזם מיט דער באַדייטונג פון דעם ערשטן מאַי? ער טראַכט וועגן די אַלע וויכטיקע פונקטן פון דער טרייד־יוניאָניסטישער לער, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אין דעם אַרבעטער־אוניווערזיטעט. וואָס מערער ער האָט געטראַכט וועגן דער איינלייטונג, אַלץ שאַרפערע אויס־דרוקן זיינען אים געקומען אין געדאַנק. ער שטעלט צוזאַמען די איינליי־טונג אַזוי, אַז עס זאָל אַרויסקומען סיסטעמאַטיש. ער טראַכט: אַך, וואו נעמט מען צייט! עס איז דאָ אַזוי פיל אַרבעט צו טאָן. אַלץ איז וויכטיק, און גראָד דערפאַר, וואָס אַלע לייגן אויף אים האָפענונג, מ'גיט אים פאַר־אַנטוואָרטלעכע אַרבעט. אַך, ווי שטאַרק ער האָט געוואָלט אַרויסצייגן פייאיקייט פאַר דער אַרבעט!"

ער זיצט איינגעבויגן איבער דער מאַשין. עס וואַרפט זיך די גרויסע שער ביי אים אין האַנט. די שער דרייט זיך אין אַלע פיר ווינקלעך פון די לאַנגע אויסגעשטעפטע לעכלעך, ביי יעדן צוק גיט זי אַרויס אַ קורצן אָפּגעהאַקטן קלאַנג. און געדאַנקען יאָגן, יאָגן ווי שטראָמענדיקע ים־כוואַ־ליעס איינע נאָך דער אַנדערער. מיט אַמאָל גיט ער זיך אַ צאַפּל און בלייבט זיצן שטיל און אומבאַוועגלעך, ווי מ'וואָלט אויף אים אַ

שווערע זאַך אַרויפגעלייגט. ער האָט אַביסל צו ווייט איינגעהאַקט אַ באַטנהאָל. די אויגן האָבן פיבעריש געגלאַנצט. וואָס וועט ער איצט טאָן? ער וועט איצט דאַרפן מאַכן נאָך אַמאָל אַזוי די גרויס. ער האָט איצט איבערגעפּירט אַ רעקל. און נאָך אַמאָל אַזוי פיל אַרבעט! גאַנצע פיר און צוואַנציק באַטנהאָלס. אַ היץ טוט אים אַ שלאָג אין קאָפּ אַריין. עס ברענט די הויט אונטער די האָר, די הענט לאָזן זיך אַראָפּ.

דזשאָו באַמערקט עס, ציט ביי אים אַרויס דעם פּראָנט, באַטראַכט אים. מעקס דער רויטער שיסט אַרויס אַ געלעכטער:

— דזשאָו, ביי דיר איז אויך אַ צרה! מילא, הערי איז פאַרנומען מיט וויכטיקע זאַכן, ער דאַרף דאָך די וועלט איבערמאַכן. ער האָט נעכטן אָוונט געלערנט אין זיין קלאַס אַ קאַפּיטל לענין אויף אויסווייניק. ווי קען ער אינזינען האָבן פענסי פּאַקעטס מיט איין־אינטשיקע באַטנהאָלס? אָבער וואָס איז מיט דיר? דו ביסט דאָך שוין די קלאַסן דורכגעגאַנגען, דיינע ביכער קענסטו שוין אויף אויסווייניק.

— וואָס מיר ביכער, — כאַפּט אונטער נייטן דער וואָרפנדיקער, — אַז מ׳קען נישט מאַכן קיין פענסי פּאַקעטס אַזוי גוט ווי לואי דער לאַנגער, זיינען מיר אַלע גלייכע מיוחסים, מעג ער אַפילו קענען גאַנץ קאַרל מאַרקס אויף אויסווייניק. פּאַרשטייסט, דזשאָו, אינטעלעגענטישקייט גייט דאָ נישט אָן. דאָ דאַרף מען האָבן אינטעליגענטע פינגער. אָט דאָט, ברוּ־דערקע, וועט דיר געבן ברויט מיט פּוטער.

— און דו האָסט טאַקע אינטעליגענטע פינגער? — צעלאַכט זיך מעקס דער רויטער. — דו ביסט דאָך אַ גאָלדענער בעל־מלאכה.

נייטן רעדט מיט כעס:

— איך קום כאָטש נישט מיט קיין טענות צום ברודער־אַרבעטער. איך בין נישט קיין בעל־מלאכה, בויג איך אָן דעם קעפּ און שווייג. איך ווייס, אַז איך דאַרף קענען מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט, אָט ווי לואי, נישט קיין רעכטער און נישט קיין לינקער, און האָט איבעראַל אַ שאַנס. יאָ, לואי, ווי זאָגסטו: איך האָב שטענדיק אַרבעט און מאַך גענוג אויף אַ לעבן.

— אָבער ער גלייכט צו זען ווי אַנדערע קענען נישט, — מישט זיך אַריין מאָריס דער קורצזיכטיקער.

מאָריס קוועלט פון נחת. ווען מ׳ברענגט צוריק צו פיקסן, דאַן איז ער דער העלד.

לואי גיט אַ ציִ־אויס דעם לאַנגן האַלדז:

— העי, בלינדער, שלעפּ נאָר מיך נישט אַריין. איך מיש זיך אַ סך,

אַז דו סוד׳עסט זיך דאָרט מיט דייניקע? פון מיינטוועגן מעגט איר אַלע ברעכן דעם קאָפּ. מיך זאָלט איר קיינער נישט אַריינמישן.

— העי. סעם, — שרייט אויס מעקס דער רויטער, — קום נאָר אַהער. אין דר׳ערד דיין אַרבעט. האָסט געמיינט, אַז דו האָסט שוין לואי׳ן אויף דיין זייט? אַט האָט ער ערשט געשיקט אַ קיילעכדיקע קללה. עס קען זיך נאָך דיר אויך אָננעמען אַ שטיקל קללה.

— און דו ביסט שוין אויס רעכטער, — כאַפּט אונטער מאָריס דער קורצזיכטיקער.

— איך האָב מורא פאַר קללות, איך בין אַ טאַטע פון קינדער.

סעם שפּאַנט צו מיט אַ באַנדל געפּרעסטע פּראַנטס, צייגט אָן אויף מעקס דעם רויטן.

— אַ ראַבער־בעק, ציט זיך, היינט דאָ — מאָרגן דאָרטן, פּרינציפּן האָט ער, מעקס? וואָס מיר פּרינציפּן. אַז עס זיינען דאָ אין דער היים דריי פּיקערס און אַ ווייב וואָס וויינט שטענדיק און מאָנט, דאַרף מען די פּרינ־ציפּן דערווייל לייגן שלאָפן. אַז מען טראָגט זיי מיט זיך, לאָזן זיי נישט מאַכן קיין לעבן.

סעם גיט אַ וואָרף די פּראַנטס צו דזשאָו׳ן.

— זאָל ער עס אויפמאַכן, אַי דאַנט קער, — און גיט דערביי אַ וואונק צום באָס: — ער וועט עס שוין ברענגען צוריק.

נייטן גיט אַ וואונק אויף הערי׳ן סאַרקאַסטיש.

— וואָס מיינסטו, מ׳דאַרף טאַקע אַריינלייגן די גאַנצע כוונה אין פענסי פּאַקעטס און באַטנהאָלס? עס זיינען דאָך דאָ אַזויפיל צרות אויף דער וועלט. מ׳דאַרף דאָך אַלעמען פאַרזאָרגן. מ׳דאַרף דאָך אַלעמען דערלאַנ־גען אַ האַנט. ווי קען מען בלויז טראַכטן וועגן פענסי באַטנהאָלס און פּאַקעטס?

— בראַוואָ! — כאַפּט אונטער מעקס דער רויטער.

הערי גיט זיך אַ כאַפּ און פּאַכעט מיט דעם פּראַנטל.

— וואָס האָסטו געזאָגט, נייטן? וועגן אַלעמען? ביסט גאַנץ ציניש, האַ? מ׳טאָר נישט טראַכטן וועגן קיין אַנדער זאַך, בלויז וועגן באַטנהאָלס! פאַרטעמפּן די געדאַנקען, נישט טראַכטן מער ווי וועגן דער אַרבעט. וואָס קריגן מיר פאַר דעם הונדערט־דאָלאַרדיקן סוט? אַ הונ־גער־לוין. מיר גיבן אַוועק אונדזער גאַנצע דענקונגס־קראַפט, אונדזער גאַנצע ענערגיע ביי דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

ווי אַ געניטער רעדנער פון דער פּלאַטפאָרמע האָט ער גענומען שיל־דערן זייער לאַגע. אַלע זיינען געבליבן זיצן און געקוקט אויף אים מיט

מינע סמאָלער

דערשטוינונג.

דער באָס איז צוגעלאָפן אַ בלאַס דערשראָקענער, געשטאַנען אַ פּאָר מינוטן אַ פאַרלאָרענער און האָט הויך אַ געשריי געטאָן:

— גענוג! אַרויס פון דאַנען, גיי דינג דיר אַ האָל! דאָ איז אַ שאַפּ.

הערי האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס שטיקל געוואַנט און גענומען אַראָפּ־קאַטשן די אַרבל. דזשאָ האָט אים באַלד נאָכגעטאָן. עס האָט זיך אָנ־געפאַנגען רודערן צווישן די איבעריקע. אייניקע האָבן זיך גענומען לאַנג־זאַם אַראָפּקאַטשן די אַרבל. די איבעריקע זיינען געבליבן שטיין ביי די מאַשינען ווי פאַרלאָרענע. הערי האָט זיך געלאָזט גיין דער ערשטער, האָט זיך אומגעדרייט און צוגעוואָרפן מיט האַסט:

— מיסטער באָס, מיר וועלן זיך זען אין דער יוניאָן.

מיט בלאַס געוואָרענעם פּנים און מיט אַ דערשראָקענעם אויסדרוק אין די אויגן, איז דער באָס זיי נאָכגעלאָפן:

— וואָס זיינט איר משוגה געוואָרן. גייט זעצט זיך צו דער אַרבעט. אָבער זיין קול איז פאַרטויבט געוואָרן אונטער אַ פאַרמאַכטער טיר.

האַלברוק און זיין זון

הויך־געוויקסיקע מענער האָבן לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיק אַרויסגע־טראָגן אַלעמאָל אַן אַנדער שטיקל מעבל, צוגעשטעלט איינס לעבן אַנדערן אויפן טראָטואַר, ווי פּאַר אַן אויסשטעלונג. אַרום דעם מעבל האָבן זיך גע־זאַמלט גרופּן, מערסטנס פריוען. מ׳האָט געקוקט און געוואַרט. מר. און מרס. האַלברוק זיינען די לעצטע אַרויס פון הויז. ער — אַ הויכער, אַ דאַר־ביינערדיקער; זיין גלייכע שפּיציקע נאָז טיילט זיך אויס ווי אַרויסגעזעצט צווישן די איינגעפאַלענע באַקן; די הויט איז אַ ברוין־פאַרברענטע, מיט שמאָלע טיפע קאַרבן; דער הויכער שטערן מיט די געדיכטע ברעמען האָט איינגאַנצן פאַרדעקט די אויגן. די ליפּן איינגעשרומפּענע, האָבן נערוועז געציטערט. זי — אַ צוזאַמענגעבויגענע, מיט אַ קריינקלעך־געלער הויט אויפן פּנים; די הענט — דאַרע, אָדערדיקע. איינער פון די מעבל־טרעגער האָט די צוויי געהאָלפן אַראָפּגיין פון דעם דריי־טרעפּלדיקן בריקל; אַ צווייטער האָט אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער טיר. מאַן און וויב זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, מיט געציילטע טריט, צוגעגאַנגען צו די צעשטעלטע זאַכן, געבליבן שטיין אַ רגע, אַרומגעכאַפּט אַלץ מיט איין בליק. מר. האַלברוק האָט געגעבן אַ פּוסטן מאַך מיט דער האַנט, צע־רוקט עטלעכע שטיקלעך מעבל, אָוועקגעשטעלט צוויי שטולן אינמיטן, אָנ־געצייגט דער מרס. האַלברוק אויף אַ שטול און געזאָגט:

— זעץ זיך, אַלטע. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען דיר געבן. מ׳וועט אונדז דאָ אויך לאַנג נישט לאָזן זיצן.

זי האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט אויפן שטול, אַרויסגעלאָזט אַ הויכן קרעכץ און זיך פאַרגאַנגען אין געוויין.

די שכנים וואָס זיינען פריער געשטאַנען פאַרגליווערטע, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פּאָרל; פרויען האָבן גענומען צערטלען און גלעטן די אַלטע פרוי. האַלברוק איז געזעסן אומבאַוועגלעך, אָנגעשפּאַרט די לאַנגע דאַרע הענט אויף די שפּיציקע קני, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט און געזען.

— נעמט זי אַריין אין אַ הויז, — האָבן זיך דערהערט קולות פון דעם עולם.

מינע סמאָלער

מרס. דזשאָנסאָן מיט אַ צווייטער שכנה האָבן געפּירט מרס. האָל־ברוק, וואָס האָט זיך געטרייסלט ווי פון קעלט. זיי האָבן זי געפירט אונ־טער די אָרעמס צו מר. דזשאָנסאָן אין שטוב אַריין.

די געבליבענע האָבן געפּראוואוט ריידן צו מר. האָלברוק, ער זאָל אויך מיטגיין. ער האָט אָבער אַפּילו דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן. ער איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, ווי אַ סטאַטוע.

איינער פון די דערבייאיקע האָט אַן עצה געגעבן, אַז מ׳זאָל גיין רופן דיק׳ן, האָלברוק׳ס עלטסטן זון.

— ער אַרבעט שוין אויך נישט אַ לענגערע צייט, — האָט אונטער־געכאַפּט אַ נאָענטע שכנה. — זיין ווייב אַרבעט שעה׳ן־וויז אין פרעמדע הייזער; זיי זיינען אויסגעצערט פון הונגער, און אַ חוץ דעם האָט ער לעצטנס געהאַט מיטן פאָטער אַ קריג.

— וואָס פאַר אַ קריג? — האָט די אַנדערע געפרעגט.

די שכנה האָט לעבעדיק דערציילט:

— מ׳האָט זיך געקריגט וועגן אָרעם און רייך. איר ווייסט דאָך — דער זון האָט זיך זיינע געדאַנקען. ער האָט געזאָגט, אַז די אָרעמע דאַרפן זיך אַליין העלפן. און דער אַלטער האָט געשריגן, אַז מ׳טאָר אַזוי נישט ריידן, און אַז גאָט וועט אים שטראָפן. קורץ: דער זון האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און איז אַוועק.

פונדעסטוועגן האָט מען דאָך באַשלאָסן שיקן נאָכן זון. דערווייל האָט מען זיך צערעדט, יעדער וועגן זיין פּעקל צרות. מען האָט אויך אַ ווייל ווי פאַרגעסן אָן אַלטן האָלברוק. יענער איז אַלץ געזעסן צווישן די אַלטע אָנגעוואָרפענע מעבל, אָבער גערעדט האָט ער נישט צו קיינעם. האָל־ברוק׳ס לאַגע האָט נאָר דערמאָנט יעדן איינעם די נאָענטע געפאַר, וואָס לויערט אויף זיי. מ׳האָט נישט געקענט שווייגן. מ׳האָט געמוזט אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם אַנדערן. וואו איז דער אויסוועג? אפשר איז דער אַלטער גערעכט? אפשר איז מען טאַקע נישט גענוג פרום?

אינמיטן דערינען האָט איינער אויסגעשריען:

—אָט גייט דיק!

מ׳איז אַלע מיטאַמאָל שטיל געבליבן. אַלע האָבן געקוקט צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט. דיק איז נישט געווען אַליין. עס זיינען מיט אים געגאַנגען נאָך עטלעכע מענער און פרויען. די שכנים האָבן זיך דורכגעקוקט מיט אומרו: וואָס גייט דאָ זיין?

האַלברוק און זיין זון

דיק איז צוגעקומען נאָענט צום פאָטער:

— נו, טאַטע, דיין גאָט האָט דיר שוין געהאָלפן! ער האָט דיך שוין אין גאַס אויך אַרויסגעזעצט. איצט, טאַטע, וועל איך דיר ווייזן, ווי אַזוי מ׳קען זיך אַליין העלפן.

דער אַלטער האָט אַ שוואַכן דריי־געטאָן מיטן קאָפּ און געבליבן זיצן באַוועגלאָז.

דיק איז מיט איין שפרונג אַרויף אויף די טרעפּלעך, געגעבן אַ רײַס אָפּ דעם שלאָס, ברייט געעפנט די טיר און געזאָגט:

— טראָגט, חברה!

מ׳האָט אָנגעהויבן טראָגן מיט האַסט, מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן.

די צוזאַמענגעלאָפענע שכנים זיינען אין אָנפאַנג געשטאַנען דערשראָ־קענע. די פרויען האָבן פאַרבראָכן די הענט און, וויינענדיקע, אַריינגעלאָפן אין זייערע שטיבלעך. די אַרבעטלאָזע מענער, וואָס זיינען געקומען צוריק פון זוכן אַרבעט, זיינען צוגעקומען נעענטער און געקוקט מיט איבעראַשונג.

דער פּלאַץ לעבן הויז איז באַלד אָפּגערייניקט געוואָרן פון דעם מעבל. געבליבן איז נאָר דער שטול, אויף וועלכן דער אַלטער האַלברוק איז געזעסן. דער אַלטער האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ קאַלטן בליק אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום אים.

די צעשראָקענע פרויען, זעענדיק, אַז קיין שרעקלעכעס איז נישט געשען, האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק אַרויסרוקן פון די שטיבלעך. באַלד האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפּשער עולם. דיק מיט זיינע חברים האָבן איינגע־טענה׳ט מיט די אַרבעטלאָזע מענער פון דעם געסל, און עס האָבן זיך געהערט אַזעלכע נייע, מאָדנע ווערטער: אַרבעטלאָזער קאָנסיל, רעכט, מאַכט, קאַמף. איניקע האָבן געשטעלט פראַגן. עס האָט זיך אָרגאַני־זירט אַ מאַסן־מיטינג אונטערן פרייען הימל.

* * *

עס איז שוין געווען שפּעט. די זון איז שוין פאַרגאַנגען, ווען דער מיטינג האָט זיך געענדיקט. דער אַלטער האַלברוק איז די גאַנצע צייט גע־זעסן און געשוויגן, אָבער קיין וואָרט נישט פאַרפעלט. ווען אַ טייל עולם איז זיך שוין פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז דיק צוגעגאַנגען צום אַלטן פאָטער:

— נו, טאַטע, וואָס זאָגסטו? וועסט גיין אַהיים?

מ׳האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַלטן האַלברוק׳ס שטיבל. אָבער דאָס זיינען שוין נישט געווען קיין צופעליקע מענטשן. ס׳איז געווען די אָקאָרשט אויסגעקליבענע בלאָק־קאָמיטע. אין דער קאָמיטע האָט מען אויך אויסגע־

מ י נ ע   ס מ אָ ל ע ר

קליבן דעם אַלטן האַלברוק.

דער אַלטער האָט געהאַט אַ פאַרשעמטן שמייכל אויף די ליפּן, אָבער ער האָט אויסגעזען יינגער. פאַרשוואונדן דער גליוער.

— ווייזט אויס, אַז די קינדער זיינען איצט קליגער פון אונדז, — האָט ער געזאָגט. — נו, וועלן מיר זען. איך בין נאָך יונג גענוג צו לערנען.

אין אַ נאַכט אַזאַ

עס האָט געשניִיט אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי איז שוין די מיטל צפונ׳דיקע שטאָט געווען באַדעקט מיט אַ טיפער פּוכקער ווייסקייט. דער פּלאַכער באָדן האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די אויבערשטע געזימסן פון די פּאַרריזנעטע אויטאָמאָבילן. די פּלאַכטעס שניי האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער פון דעם ניט אויפהערנדיקן שאָטן. די טאָג ליכטיקייט האָט אויס־געזען בין השמשות׳דיק. וואו־ניט־וואו האָבן פון בלאַסע באַלויכטענע פענצטער אַרויסגעקוקט אומעדיקע פּנים׳ער מיט אומרואיקע בליקן. דער טאָג איז געקראָכן לאַנגזאַם און שווער, ווי אויסגעהאָרעוועטע אָקסן אין פּאַרנאַכטיקן געשפּאַן.

אין אַ זייטיקן קליינעם באַלעבאַטישן האָטעל, איז דער גערודער געוואַקסן פון שעה צו שעה, ווי אַריינגעכאַפּטע חיות אין פּאַרמאַכטע שטייגן האָבן מענער און פרויען מיט געררייצטן געמיט אַרומגעשפּאַנט ביי די פענצטער, אַרויסגעקוקט מיט באַצערטע בליקן ווי נאָך אַן אַוועקפּאַרג־דיקן וואָגן מיט אַן אייגענעם מת.

די רייען ביי די טעלעפאָן־ביידלעך זיינען פון מינוט צו מינוט גע־וואָרן געדיכטער. מען האָט זיך געאמפּערט, געבייזערט; ווער מיט ניט קיין קלאָרע אַרויסגערעדטע זידל־ווערטער און ווער מיט באַשיידענעם פּאַרוואורף קעגן יענע, וועלכע האָבן ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט די אַנדערע, צו לאַנג פּאַרנומען דעם ביידל. פון טעלעפאָן טרייבל האָבן אָפּ־געקלונגען אַלערליי טעמפּעראַמענטן. ס׳האָבן זיך געהערט קולות בייזע! דראָענדיקע, אויף גאָר הויכע טענער; שטימען ווייך־בעטנדיקע, מיט אַן אָפּקלאַנג פון טיפער פּאַרצווייפלונג.

אַ באַנייטער אומרו מיט יאוש׳דיקן אומעט האָט זיך געשפּרייט אויף די פּנים׳ער פון די פּאַרהאַלטענע געסט ביי יעדן מאָל, ווען ס׳איז אַריינ־געפאַלן אַ באַשנייטע אַנגעפּעלצלטע פיגור מיט אַן אַריינגעצויגענעם קאָפּ אין די אויפגעשפּיצטע אַקסלען, מיט פּאַרזשמורעטע אויגן און פּאַר־כאַפּטן אָטעם. פּאַרפרוירענע רייד האָבן באַשטעטיקט וואָס די ראַדיאָ האָט געמאָלדן אַ גאַנצן טאָג: אַז דער שטאָט־פּאַרקער איז אָפּגעשטעלט און אַז ס׳איז אַ געפאַר זיך צו לאָזן אין גאַס. אַז יעדער איינער דאַרף

מינע סמאָלער

בלייבן דאָרט וואו מען איז געבליבן שטעקן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן מיט אַ שטאַרקערער זאַווערוכע. דער ווינט האָט מיט שנייען גנעדערייִ געשמיסן אין די פענצטער. פּאַראַייזטע שניי פערדלעך האָבן מיט ווינטיקן געבראַזג זיך געדראַפּעט אַרום די ברעגן פון די שויבן און זיך אויסראַזירט אין פאַרשיידענע פּאַסמעס, און האָבן געקראַגן דאָס געשטאַלט ווי לאַנגע קאַלטע מתים־פינגער.

אין דעם ליינגלעך ווייך־באַלויכטענעם האָטעל זאַל האָט זיך ביס־לעכווייז אָנגעהייבן איינשטעלן אַן אונהיימלעך שטילקייט. אַ שטילקייט וואָס האָט געאָטעמט מיט אומרו און געדריקטן אומעט. די לאַנגע ווייכע סאָפעס און די טיפע רונדע שטולן זיינען געוואָרן געדיכט באַזעצט. די צערודערטע געסט זיינען אַוועקגעפאַלן אויסגעשעפּטע, מידע. מ׳איז גע־זעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און אָנגעשטרענגטע שטערנס ווי פאַר־טיפט אין שווערע חשבונות, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן ניט געשעדיקט פון דער פאַרשפּעטיקטער צייט.

ווען די ראַדיאָ האָט מיט באַשטימקייט געמאָלדן, אַז דער שטאָט פאַרקער וועט נאָך בלייבן אָפּגעשטעלט, אַז קיין באַנען קומען ניט אַריין, און וועלן ניט אַרויסגיין, האָבן די פאַרהאַלטענע געסט, ווי שלאָפנדיקע שעפסן ביים פייפל פון פּאַסטוך, זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן. מען האָט אָנגעהייבן אויסציען די קעפּ מיט טעמפּן בליק זיך אַרומגעקוקט ווי נאָך אַ פאַרטשאַדעטן שלאָף. בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ שטו־מער פראַגע: וואָס וועט מען טאָן? די אויסגעשריבענע צימערן זיינען שוין געווען פאַרנומען פון ניי־געקומענע, וואו וועט מען זיך די נאַכט אַהינטאָן?

ווי אויף אַ פאַרלאָרענער שיף צווישן צעברויזטע ים־כוואַליעס, האָבן די אָפּגעזונדערטע פרעמדע מענטשן, מיטאַמאָל זיך דערפילט נאָענט און היימיש. ווי בחוש האָבן זיך גרופּירט גרופּן פון דעם אייגענעם מין. עס האָבן זיך געשלאָסן געגנזייטיקע געשפרעכן. אַ געזשים פון העכערע און שטילערע רייד. די געשעפטסלייט זיינען באַלד מיט געווינליכן האַנדל אימפעט אַריין אין מסחר געשפרעכן און מיט וואַכזאַמער גע־איבטקייט פּרובירט אַרויסצוקריגן איינער פון דעם אַנדערן געוויסע גע־שעפט סודות, אָדער אַריינצוכאַפּן אַ זייטיקן פאַרדינסטל. עס האָבן זיך גרופּירט די יעניקע, וועלכע זיינען געפאָרן צו פריידיקע משפחה באַגעג־גענישן, ווי חתונות, נייע געבירטן, און אַז מען האָט זיך געפילט גע־טרייסט וואָס אַנדערע האָבן אויך פאַרשפּעטיקט. עס האָבן זיך גרופּירט די יעניקע וועלכע זיינען געפאָרן צו משפחה־לויות און אַנדערע טרויעריקע

פּאַסירונגען. מען האָט זיך געטיילט מיט פּיינלעכע זיפצן און ניט קיין דערזאָגטע זאָרגן. עס האָט זיך אויך אויסגעטיילט אַ גרופּע פון שטענדיקע איינוואוינער, וועלכע זוכן אַלע מאָל געלעגנהייטן וואו צו פאַרקירצן די שעהן פון עלנטן אומעט אין די איינזאַמע האָטעל צימערלעך און מיט פאַרכאַפּטן נייגיר געשלונגען די אויפגערודערטע צאַפּלדיקע שטימונג. עס זיינען אויך געבליבן זיצן ביז אין די שפּעטע שעהן אַזעלכע, וועלכע האָבן סתם ניט געוואָלט פאַרשלאָפן אַט דעם זעלטענעם נאַכט שטורם, און ווי געזוכט אַ באַהעפטונג מיט די אייגענע פאַרטוישטע אויפטרייסלונגען. וואו ניט וואו זיינען געזעסן איינצעלנע אָפּגעזונדערטע מיט געקריוודעטע אויסדרוקן אויף זייערע גאווה'דיקע פּנים'ער, וואָס עס איז דאָ איצט פאַרשוועכט געוואָרן זייער „הויכע ווירדיקייט", וויל קיינער האָט זיי קיין בעט ניט אָפּגעטראָטן און זיי וועלן דאַרפן די גאַנצע נאַכט שלאָפן זיצנדיק.

דער נאַכט וועכטער, אַ הויכער, דינער אַלטיטשקער, מיט אַ קליינעם ווייסן צאַרטן פּנים, מיט ווייס, גלאַט פאַרקעמטע שיטערע האָר, וואו ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ ראַזעווער מוח, האָט פון צייט דורכגעשפּרייזט די גאַנצע לענג פון זאַל, און מיט וואַכזאַמע בליקן געקוקט אין אַלע זייטן און מיט אַן אויטאָריטעט־אויסדרוק פון אַ שיפס־קאַפּיטאַן וואָס דאַרף אין אַ געפאַר האַלטן וואַך איבער דעם געמיט צושטאַנד פון זיינע פּאַסאַזשירן.

— קום אַהער „יונגערמאַן" — האָט אים הימיש אַ רוף געטאָן אַן אַלטער איינוואוינער פון האָטעל, צווישן אַ קליינער גרופּע מיטוואוינער און אַ פּאָר נייע. דער וועכטער איז צוגעקומען אַ דערפרייטער וואָס עס וועט איבערגעריסן ווערן די לאַנגווייליקייט אונטער דעם לאַנגן איינזאַמען דעסק.

— אַט איר זעט, אונדזער נאַכט וועכטער האָט שוין אַריינגעשפּאַנט גאָר ווייטלעך אין זיין אַכטן צענדליק, און האָט נאָך אַלץ ניט מורא פאַר דעם עלטער. זיין נאַכט ווערט דורכגעפירט מיט די בעסטע פּינקטלעכקייט, — האָט יענער אים פאָרגעשטעלט פאַר די צוויי נייע איינוואוינער.

דער אַלטער האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע וויעס איבער זיינע אַריינגעטיפטע פריילעכע בלויע אויגן, געקוקט פאַר זיך מיט אַ קלוגן חזק־שמייכל, וואָס יענער דערציילט זיינע מעלות מיט אַ טשיקאַוועקייט ווי פון אַ קליין געראָטן קינד.

דער אַלטער האָט מיט קינדערשן שפּאַס זיך געגעבן אַ ציי־אויס אין אַ מיליטערישער פּאָזע.

מינע סמאַלער

— יאָ, מיינע הערן. דרייסיק יאָר אַ נאַכט וועכטער. דורך מיינע פּופּציק יאָר אין די האָטעלן, און נאָך אַלץ אויף מיין פּאָסטן.

— דו האָסט פאַרשלאָפן אַ היפּש ביסל טעג פון דיין לעבן — האָט ווי מיט ביטול, זיך אָפּגערופן איינער פון די נייע מיטוואוינער. דער־אַלטער האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ חזק בליק און אונטערגעכאַפּט:

— אָבער אינטערעסאַנטע נעכט... און האָט אַ שלעמישן וואונק געטאָן מיט די אויגן.

— סטיוו, דערציייל אונדז איצט נאָך אַ קאַפּיטל פון דיין נאָך ניט גע־שריבענעם בוך, האָט מיט צעוואַרעמטן אימפּעט זיך אָנגערופן איינער, און איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון די איבעריקע. מען האָט אים אונ־טערגערוקט אַ שטול.

— אונדזער סטיוו קלייבט זיך נאָך צו שרייבן פון זיינע האָטעל דערפאַרונגען אונטערן נאָמען: „אין מענטשלעכן דזשאָנגל" — האָט איי־נער אינפאָרמירט די פּאָר נייע.

דער אַלטער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, האָט געוואָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק אויף די מענטשן אין זאַל, האָט אַוויילע געטראַכט, זיך איינגעזעצט אין דער טיפער שטול, און מיט אַ פריילעכן גלאַנץ אין די אויגן האָט ער אָנגעהויבן:

— איך וועל זיך איצט נעמען צום קאַפּיטל „קאָמאַפּלאַזש" — דאָס מיינט, פאַר „קאַמאַפּלאַזשטע מענטשן" — האָט ער באַלד דערקלערט — וועלכע עס געפינגט טאַקע אָפּצונאַרן די אַלע אַרומיקע אויסער אונדזער האָטעל וועכטער, פאַר וועמען זיי מוזן זיך אויפּלייזן מיט זייער אמת נאַ־טירלעכן קאָליר . . . פאַר אַ קורצער ווײַלע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אָנכאַפּן דעם ריכטיקן פאָדעם פון געדאַנק, און פאַרגעזעצט:

— אין אָנפאַנג האָט דאָס פאַר מיר אויסגעקוקט קאָמיש און ניט פאַרשטענדלעך: ווען אַזאַ איינער, אַן אויסגעפּוצטער, אַלץ וואָס ער טראָגט אויף זיך איז געמאַכט פון די טייערסטע שטאָפן, מיט סאָלידן ראַ־פינירטן געשמאַק, שטעלט מיך אָפּ גראַדע דאַן ווען איך בין ניט ביי מיין דעסק. דער פאַרצווייפלטער אויסדרוק אין זיינע אויגן גיט אַרויס זיין אויסערליכע געמאַכטע רואיקייט, מיט צוריקגעהאַלטענער געפּאַלנ־קייט אין זיין קול, שלאָגט ער מיר פאָר אַז איך זאָל אַריינשרייבן זיין נאָמען אין דעם געסט בוך, און דערביי שטעקט ער אויס צווישן זיינע פינגער אַ צוזאַמענגעוויקלטע געלט אַסיגנאַציע, און ווען איך קוק אויף אים נאָך אַלץ מיט שטוינונג, דערקלערט ער מיר אין קורצע, ווי אָפּגע־כאַפּטע ווערטער, אַז ער פאַרמאָגט ניט צו איינשטיין אין דעם רייכן

אין אַ נאַכט אַזאַ

האָטעל, און אַז ער וויל זיך דאָ טרעפן מיט אַ רייכן געשעפטסמאַן צוליב געשעפט און עס מוז הייסן, אַז ווייל ער שטייט דאָ איין, איז ער שוין אויך פון זיין קאַטעגאָריע און ער גיט אַ חניפה־וואונק ווי מיט אַ זשעדנעם הונגעריקן גלאַנץ אין די אויגן, און מיט אַן אונטערטעניקן קול רעדט ער אויס:

— נו, דו, ביזט דאָך אַ קלוגער יונג, דו ווייסט דאָך אַז בלויז מיט אָנשטעל פון רייכקייט קען מען צוטרעטן צו גרויס געשעפט, און דו וועסט אויך אָפּלעקען אַ פעטןביינדל.

דער אַלטער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ווי אַ פאַרכמאַרעט וואָלקענדל האָט זיך פאַרצויגן איבער זיינע פריילעכע זשוואַווע אויגן, און ווי וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון אַ ניט אָנגענעמער עראינערונג, האָט ער פאַרגעזעצט:

— מיילע, די פעטקייט פון די ביינדלעך איז איינגערינען צו העכערע איבער אונדז... אָבער מיט אונדז וועכטער האָבן אָט די פאַרשוינען געפירט גוט־ברידערשאַפט. מיט אינטימען צוטרוי האָבן זיי אונדז פאַרטרויט די אַדרעסן פון די ביליקע האָטעלן וואו זיי זיינען איינגעשטאַנען, אין פאַל מיר וועלן דאַרפן וויסן. איר וואָלט אָבער געדאַרפט זען, ווען אַזאַ איינער איז פאַרפאָרן אין דעם זעלבן האָטעל שוין אַן אַרויפגעדראַפּעטער אויף דעם געגאַרטן הויכן שטאַפּל, מיט וואָס פאַר אַ שטרענגער גאווה זיי האָבן זיך באַצויגן צו אונדז, כאָטש מיר האָבן אַליין באַגריפן זייער איצטיקע פּאָזיציע און מיט זיי ניט געשפּרונגען אין די אויגן. אָבער ווי עס האָט אויסגעקוקט, האָבן זיי אונדז ניט געקענט פאַרגעבן וואָס מיר וויסן זייער פריערדיקן מצב. ביי יעדער באַגעגעניש, האָט אַזעלכער אַוועקגעקערט דעם קאָפּ אָדער צוגעוואָרפן אַ שטרענגן דראָענדיקן בליק.

— דו ביזט מיד, סטיוו, האָט איינער פון דער גרופּע זיך אָנגערופן.

— יאָ, אַביסל מיד, האָט ער צוגעגעבן, — אָבער איך מוז ענדיקן אָט דאָס קאַפּיטל, — האָט ער זיך ווי געבעטן מיט לעבהאַפטן קול. איך וויל אייך אויך דערציילן, אַז איך האָב פיל מאָל אויך געהאַט מיין נקמה. אָט אין לעצטן קריזיס קראַך, איז איינער אַזאַ פאַרשוין אַריינגעפאַלן אין „מיטל־מעסיקן" האָטעל וואו איך האָב דאַן געאַרבעט. מיט קאָצעשער פאַרגעסנקייט האָט ער זיך מיט מיר געגרוסט ווי מיט אַן אַלטן פריינט, און ניט לייגענדיק קיין אכט וואָס איך האָב זיך געהאַלטן צו אים קאַלט און פרעמד, האָט ער אַלע מאָל געזוכט צו פאַרבינדן מיט מיר פילאָזאָפישע געשפּרעכן, אַז דעם מענטשנס לעבן איז ניט מער ווי

מינע סמאַלער

אַ קאַפּריזנע שפּיל... אָבער איך האָב נאָך אַסך קאַפּיטלען פון אַסך אַנדערע קאַמאָפּלאַזשירטע מענטשן. אַז איר וועט וועלן וועל איך אייך אַמאָל דערציילן.

— יאָ, מיר ווילן! האָבן אַלע מיט נייגעריקייט צוגעשטימט.

אין זאַל האָט געהערשט אַ שלאָפנדיקע שטילקייט. וואו ניט וואו זיינען געזעסן איינצעלנע, מיט באַצערטע פּנים'ער און אָפענע מידע אויגן.

— אפשר פאַרשפּעטיקטע „קאַמאָפלאַזשן" — האָט אויף זיי אָנגעוויזן איינער פון דער אויפשטייענדיקער גרופּע.

דער ווינט האָט געקלאַפּט אין די פענצטער און געברומט מיט אַ בייזן געוואַי און געשפּרייט אומרואיקן נאָגנדיקן אומעט.

אַשיש

ליזע איז אַ שיין אינטעליגענט מיידל. קומענדיק פון רוסלאַנד מיט אַ פּאָר קלאַסן גימנאַזיע בילדונג האָט זי אויסגעאַרבעט פּלענער פאַרצוזעצן דאָס שטודירן און זיך אויסלערנען אַן אינטעליגענטע פּראָ־פעסיע. זי האָט זיך דאָ אָנגעשלאָגן אָן דער האַרטערווירקליכקייט, און נאָך איניגע פּרואוון האָט זי שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז זי וועט מוזן בלייבן אַ דרעסמאַכערין. זי האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז זי וועט ניט בלייבן קיין פּראָסטע אַרבעטערין, נאָר אַן אינטעליגענטע דרעסמאַכערין.

זי איז געווען שטאָלץ מיט איר ביסל קענטעניש און נאָך מער מיט איר גאַנצן קרייז פריינט, וועלכע זיינען געווען באַטיטלט מיט דעם נאָמען פּראָפעשאָנעלס, ליטעראַטלעך, און אַזוי פיין־שמעקערס.

ליזע האָט זיך געפילט צווישן זיי ווי אַן אייגענע און דאָס איז שוין געווען איר פאַרזיכערונג, אַז זי איז ניט קיין פּראָסטע אַרבעטערין.

אָט־דעם יחוס האָט זי איבעראַל פאַראויסגעשטופּט.

מיט די מיידלעך אין שאַפּ האָט זי זיך געהאַלטן אויף אַזוי פיל פריינדלעך ווי ווייט עס האָט זיך אָנגעקערט צו די שאַפּ־אינטערעסן.

אַזוי האָט ליזע זיך געלעבט בשלום אין איר אינטעליגענט וועלטל, ביז דער שאַפּ איז אַרונטער אין סטרייק אונטער דער פּראָגרעסיווער פי־רערשאַפט. ליזע גייט מיט צו די מיטינגען. אַ נייע וועלט עפנט זיך פאַר איר. אָט די נעכטיקע פּראָסטע דרעסמאַכער וועלכע האָבן נאָך איר מיינונג, אויסער דער אַרבעט גאָר ניט געוואוסט, זיינען איצט ווי איבער־נאַכט פאַר איר אויסגעוואַקסן, שטעלן זיך אַוועק און רעדן, מיט באַהאַוונ־קייט, וועגן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, און מיט לאָגישע זאַכלעכע אויספירן. ליזע דערפילט אין זיך מיטאַמאָל אַ געוויסע גע־פאַלנקייט, זי גיט אַ טראַכט, אַז מיט איר שטענדיקן לייענען די גראָבע־רוקנדיקע ביכער, האָט זי ערשט איצט דערזען ווי ווייניק זי ווייסט.

ליזע ווערט מיטגעריסן, זי שעפּט ביי די מיטינגען אַ נייעם אינהאַלט, מיט אָנרעגונג פאַר אַ נייעם לעבן.

מינע סמאַלער

נאָך די מיטינגען טרעפט זיך ליזע מיט אירע פריינט. זיי באַגעגענען איר מיט חזק־שמייכל:

— נו, ליזע, געוואָרן אַ לינקע? וועסט זיך אַרויפאַרבעטן בײַ זיי, וועסט אַלעמאָלריידן פון באָרשט מיט קאַשע, און אַז דו וועסט שוין אויסקעמפן דאָס פול טעפל קאַשע, וואָס וועסטו פריער טאָן מיט זיי? דו וועסט דאָך צווישן זיי פאַרטעמפט ווערן.

ליזע בלײַבט אין פאַרלעגנהייט. זי ווייסט און פילט, אַז עס איז מער ווי דאָס טעפל קאַשע. זי זעט אַז דאָרט איז דאָ ווייטע ברייטע האָריזאָנטן. אָבער זי וואָגט ניט, זי האָט מורא איבערצורייסן מיט די וועלכע זענען געוועזן איר קרויז, איר שטאָלץ אַלע אירע יאָרן: און זי וועגט און פאַרגלייכט: אָט זיצט זי דאָ אין רייכע, באַפּוצטע צימערן, איבעראַל פּליוש און סאַמעט, גלאַנצנדיקע לאָמפּן. די רייכטקייט און זאַטקייט שפּריצט אַרויס פון יעדן ווינקעלע, און אָט זיצן זיי אַלע, אַזעלכע זאַטע, זאָרגלאָזע. יעדער איינער מיט דער שטענדיקער „ניט קיין אויסגעשעפּטע טעמע”... דער בלאָנדער לאַיער מיט דעם פולן ראָזעווון פּנים — האָט ליב טעאַטער, און מיט דער זיכערקייט פון אַ ספּעץ פירט ער אויס אין זײַן קריטיק, אַז מען דאַרף גיין זען אַלעס, — ווײַל אַפילו פון דעם ערגערן קען מען אַרויסשיילן דאָס בעסערע און פאַרענדיקט אַלעמאָל מיט אַן אַדאַפּטירטע שעקספּירס אַ טעאַטער פראַזע. די קליינע מאַבע די אַפּטייקערקע, איז פאַרכאַפּט פון מאַלעריי, אַן אַנהענגערן פון פוטוריסטישער קונסט, טראָגט זי שטענדיק אַרום מיט זיך מוזעאום־קאַטאַלאָגן און יעדן מאָל האָט זי צו דערציילן פון אַ נייעם געני אויפן געביט פון מאַלעריי און ווען זי רעדט צעפלאַמען זיך ביי איר די פּוקקע פּאַמפּעשקעוואַטע בעקעלעך, פון די טיפע שוואַרצע אויגן שפּריצן פונקען, און פאַרענדיקט שטענדיק מיט דיזעלבע ווערטער: — איך זאָג אייך, אַז ס'איז שיין! זייער אַ פּראַכט! איר מוזט דאָס גיין זען. דער פעטלעכער גרישע איז אַ מוזיק־ליבהאָבער, ברענגט ער די אַלע געשריבענע פּראָגראַמען וועלכע ער האָט שוין געהערט, און דאַרף ערשט הערן.

— אָט מוזיק, מוזיק! — רייבט ער זיך די הענט התפּעלות'דיק — אויב איר ווילט הערן ווי נשמות ריידן! גייט הערן מוזיק, דאָס איז די העכסטע קולטור, — „פּאָנימאַיעטע”! — פאַרענדיקט ער שטענדיק מיט אָט דעם באַליבטן וואָרט. דער לאַנגער דאַרער מישע, מיט דעם צעשויבערטן שוואַרצן קאָפּ האָר, ווי ערשט פון אַ ווינט אַריינגעלאָפן, מיט הויכע ביינערדיקע קין־באַקן, אַ הויכער אַדלער נאָז און מיט אומרואיקע הונגעריקע אויגן, וועלכע זוכן, נישטערן מיט אַ זשעדנעם הונגעריקן גלאַנץ, מישט

מיט אַ שטענדיק געקריוודעטן אויסדרוק אַרום די דינע פאַרשטייפטע ליפּן; איז אַן אַלצוווייסער, טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיט פּעקלעך בי־כער, אַרויסגעשטאַרטשטע קעשענעס מיט זשורנאַלן און צייטונגען. — אָט ליטעראַטור! די קרוין פון מענטשלעכן גייסט — רעדט ער שטענ־דיק מיט אַ בייזלעכן טאָן. און דאָ, ווערט זי פאַר'יתום'ט, פאַר טעמפּטע מענטשן, אַך! קלאָגט ער אויס מיט נביא'ישע שטראָף־רייד.

ליזע דערפילט זיך מיטאַמאָל ענג און אומעטיק. זי טראָגט זיך אַריבער דאָרטן צווישן אַ רייע שאַפּ־אַרבעטער וואו זי איז שוין געווען ביי זייער אַ הויז־פּאַרטי, וואו מען האָט גערעדט וועגן שאַפּן געלד פאַר פּאָ־ליטישע אָרגאַניזאַציע. זי האָט אירע אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פון לואי דעם פּרעסער פון איר שאַפּ.

זי וואָלט זיך דאָס קיינמאָל ניט געקענט גלייבן אַז אָט דער לואי מיט דעם סטעפּיש פאַרברוינטן פּנים, וועלכער שטייט ביים פּרעס־אייזן און זינגט וואוילערשע לידלעך זאָל זיין פאַרזיצער, אַזוי קלוג אינטעלי־גענט פירן דעם אָוונט, זאָל אַזוי שפּאַסהאַפּט און פאַרוויילעריש אַרויס־קריגן אַ היפּשע סומע דורך אַן אינטערעסאַנטן פאַנדן־שפּיל. עס איז פאַר איר דאַן אויסגעקומען ווי יעדער איינער גיט אָפּ אַן עקזאַמען אויף וויפל מען איז באַקאַנט מיט געשיכטלעכע און נאַציאָנאַלע העלדן, און שאַפונגען פון אַלע אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן און קינסטלער אויף אַנדערע געביטן. זי האָט אירע אייגענע אויערן ניט געגלויבט, אַז דאָס זיינען פּשוט'ע שאַפּ־אַרבעטער. זי האָט געקוקט אויף זיי מיט וואונדער. אייניקע האָבן אויפגעכאַפּט איר איבעראַשונג, און זיך איבערגעקוקט מיט אַן איראָנישן שמייכל.

שפּעטער ווען זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין שאַפּ, האָט זי געפרעגט אַ פּאָר מיידלעך צי זיי זיינען געגאַנגען אין גימנאַזיע, האָבן זיי מיט פאַרשטיקטן געלעכטער, געענטפערט אַז ניין. נאָכדעם האָט מען גע־רעדט. פון מויל צו מויל — האָט מען אַרויסגעשושקעט דאָס וואָרט גימ־נאַזיע און מען האָט שטיל געלאַכט אין מאַשין אַריין. זי איז דאַן גע־זעסן איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין מאַשין. דער פּנים האָט איר געפלאַמט ווי פייער! דאָס ערשטע מאָל האָט זי דורכגעלעבט אָט דעם פּיינלעכן געפיל... אַז זי זאָל מיט זיך אַליין זיך פאַרשעמען פאַר די שאַפּ־אַרבעטער.

ליזע זיצט צווישן אירע פריינט, פאַרזונקען אין אָט די שווערע גע־דאַנקען — די באַלעבאָסטע פון הויז גיט איר אַ טיאָרקע:

— ליזע, וואָס אַזוי פאַרטראַכט, ביזט ערגעץ ווייט פאַרפאָרן?

מינע סמאָלער

— אפשר גאָר זיך פאַרליבט דאָרטן, יענע זיינען דאָך יינגען מיט ביינער! — גיט איינער אַ שטרעק־אויס די ארעמס מיט פויסטן.

ליזע דרייט זיך אַזש צוזאַמען. זי נעמט זיי אַלעמען אַרום מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, און מיט אַ טאָן פון איינגעהאַלטענער אויפרעגונג, רעדט זי אַרויס:

— איר געדענקט, מיר האָבן דיסקוטירט די מעשה פון „אַשיש״? נו, איז וואָס קוקט מען אויף מיר מיט שטוינונג?. מיר אַלע זיינען פאַר־טויבט ווי מיט אַט דעם פאַרטויבטן פלאַנץ! — רעדט זי אַרויס מיט האַסט. — מיר טרוימען און פילן מיט פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגן זיך און אַרום זיך, און דאָרטן בויט מען אַ ממשות'דיק ניי לעבן פאַר היינט און פאַר אַ פריילעכער צוקונפט...

אַלע אין הויז האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אויפגעבלאָזענע מיילער און פאַרשטומטע ליפּן, און מיטאַמאָל אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. ליזע האָט זיך נאָר מער צוזאַמענגעדריקט און אַרונטערגעלאָזט די פאַר־טראַכטע אויגן.

אין אַ הויז אין האַרלעם

הויז נומער 1. — אַן אַלטע דריי־שטאָקיקע געביידע. אין איין זייט אַ נאַקעטע צעקאַליעטשעטע וואַנט. האַלב גרוי און האַלב רויט, מיט טיפע אַרויסגעריסענע לעכער, ערטערווייז צוגעקלעפּטע גרויע הרודעס ליים. אויף דער ערד ליגן נאָך רעשטלעך פון דער צעבראָכענער חורבה, קופּעס שטיינער, ליים, ציגל. קעגן דעם שוואַכן שיין פון דעם גאַס־לאַמטערן מאַכט די וואַנט דעם איינדרוק פון אַ האַלב־פאַרפוילטן קערפּער מיט אַן אויפגעריסענער אויפגעדעקטער וואונד.

אינעווייניק: אַ לאַנגער פינצטערער קאָרידאָר, שמאָלע הילצערנע שטיגן. ביי יעדן טראָט סקריפּען און קרעכצן די טרעפּ. עס כאַפּט אַן אַ געפיל פון שרעק: אָט־אָט וועט זי איינפאַלן און מיר וועלן בלייבן פאַרשאָטן.

מיר פאַנגען אָן פון דריטן שטאָק. מיר גיבן אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר. עס שטעקט זיך אַרויס אַ צעשויבערטער קאָפּ אין דער עטוואָס געעפנטער טיר.

— וואָס ווילט איר? — פרעגט אונדז אַ הייזעריקע, באַסאָווע שטימע.

— מיר זיינען אַ קאָמיטע, מיר ווילן אייך זען.

עס גיט זיך מיטאַמאָל אַן עפן־אויף די טיר. עס בלייבט שטיין קעגן אונדז אַ דיקלעכע פרויען־פיגור אַרומגעוויקלט אין לאַנגע און קורצע טראַנטעס פון פאַרשיידענע קאָלירן. זי רופט אונדז מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי:

„קומט, קומט אַריין!" מיר דערקלערן איר ביי דער טיר, ווער מיר זיינען און וואָס מיר ווילן. זי גיט אַ שנעלן טראָט צוריק. מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָט זי אונדז געגעבן אַ מעסט־אָפּ. דער פּנים האָט אויסגעדריקט אָפענעם צאָרן.

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז עס איז שוין געקומען הילף. מיר וואַרטן פאַר דער רעליף ביורא, מיר זיינען אַלע הונגעריק, אונדזערע קינדער האָבן שוין פון נעכטן אָן נישט געגעסן!

מינע סמאָלער

זי האָט פאַרדעקט מיטביידע הענט איר פּנים און ארויסגעלאָזט אַ רעוועדיקן געוויין. מיר זיינען איר נאָכגעגאַנגען אין דעם שמאָלן פינצ־טערן דורכגאַנג.

אין אַ קליינעם פיר־עקיקן צימער, געגרענעצט מיט דער קיך, האָט אַ זעץ געטאָן אַ געדיכטע שטיקנדיקע לופט, וואָס האָט געשאַפן אַ רייסנדי־קע ביטערקייט אין האַלדז. אין מיטן צימער אַ רונדער טיש מיט אַ רויטן קעסטלדיקן טישטוך. אינמיטן טיש אויף אַ איבערגעקערטן טעלער אַ האַלבע חלה׳נע ליבּט מיט אַ דינעם בלאָסן פייערל. דער גאַנצער צימער איז איינגעהילט אין גרויע קריכנדיקע שאָטנס אַרום די ווענט. לענג־אויס פון ביידע זייטע שטייען צוויי גרינע אייזערנע בעטן און צווישן, אין די ווינקלען, אויפן דיל, אָנגעוואָרפענע הורבעס שמאַטעס, אַלטע קאָלדרעס, קויטיקע קישעלעך, ווי אָפּגעקליבענער דזשאַנק צו פאַרקויפן.

באַלד ביי אונדזער אַריינקומען האָבן דריי קעפּעלעך געגעבן זיך אַ זעץ־אויף. ברייט־צעעפנטע אויגעלעך האָבן אַרויסגעקוקט אונטער דעם עק קאָלדרע, דאַרע מאָגערע הענטעלעך האָבן זיך געצויגן און אַלע מיט איין מאָל האָבן זיי געגעבן אַ שטרעק אויס די הענטלעך און פאַרשלאָפן אַרויסגערעדט: „עסן? גיב שנעל!"

פון די בערגעלעך שמאַטעס אויפן דיל האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן אַן אויסגעשפּיצטער אַקסל, אַ האַלב אָפּגעדעקטער קאָפּ.

די הורבעס שמאַטעס האָבן אָנגעהייבן זיך באַוועגן און אַלץ העכער און העכער זיך אויפגעהויבן, ביז עס זיינען געבליבן זיצן אין שמאַטעס איינגעהילטע, שמאָלע מאָגערע קערפּערס, מיט לאַנגע אויסגעצויגענע העלדזער, ברייט־צעעפנטע אויגן:

— נו? וואָס? מען האָט שוין געבראַכט?

מען האָט געפּרעגט האַלב ביי אונדז און האַלב ביי דער אַלטער פרוי, וואָס האָט אונדז אַריינגעפירט.

— ניין, נישט געבראַכט, — האָט זי שנעל געענטפערט מיט אַ נייעם אויסבראָך פון געוויין.

— איצט מעגן מיר שוין אַזוי לאַנג ליגן, ביז מיר וועלן אויסגיין פון הונגער.

די דריי קינדער אין בעט האָבן אונדז צוגעוואָרפן אַ בייזן שטעכיקן בליק און מיט אַ שטילן כליפּן זיך צוריק אַרונטערגערוקט אונטער דער קאָלדרע. זיי האָבן זיך איינגענאָרעט איינע אין די אַנדערע און געציטערט מיט שטילן געוויין.

אין אַ הויז אין האַרלעם

— איר זעט? — אונדזערע קינדער האָבן שוין קיין כוח נישט צו וויינען. זיי זיינען פאַרהונגערט! קיינער וויל אונדז נישט העלפן, — האָט זיך די פרוי צעיאָמערט אויפן קול.

זי האָט אונדז אין קורצן דערציילט: זי הייסט מרס. באַרקאַלעי, זיי זיינען איצט דריי פאַמיליעס אין דעם קליינעם צימער: זי מיט אַ זון, ער אַרבעט שוין נישט אַכט מאָנאַטן. איר טאָכטער מיטן מאַן, מיט דריי קינדער, וועמען דער אייגנטימער האָט אַרויסגעשטעלט אין גאַס, און זיי אַריינגענומען צו זיך, און איר ברודער מיט דער ווייב. מען האָט זיי אויך אַרויסגעשטעלט אין גאַס, האָט זי זיי אויך אַריינגענומען צו זיך. זי איז די אויספּאַסערין פון אָט דעם הויז, קריגט זי די דירה פריי. זיי האָבן זיך אַלע געווענדעט צו דער רעליעף־ביוראָ נאָך הילף. ס'איז שוין פיר מאָנאַטן, מען זאָגט אַלץ צו, אַז מען וועט קומען צו אונטערזוכן און מען איז נאָך ביז איצט נישט געקומען. דערפאַר האָט זי זיך אַזוי דערפרייט. זי האָט געמיינט, אַז מען איז שוין ענדלעך געקומען. אַלע טאָג זוכן די אַלע מענטשן אַרבעט און קענען גאָרנישט געפינען. אין די שפּייזקראָמען בעט זי אויס אַלטע ברויט פאַר די קינדער. איצט וויל מען שוין דאָס אויך נישט געבן. מען זאָגט, אַז זי איז אַ פּראָפעסיאָנעלע בעטלערין.

ווי עס ווערט נאָר פינצטער, לייגט מען זיך באַלד אַוועק, צו פאַרשלאָפן דעם הונגער. די געז איז שוין לאַנג פאַרמאַכט.

—און אָט, — זי, — ווייזט זי אַהין, אויף אַ זיצנדיקער רונדער פינור, אויפן דיל, אַרומגעוויקלט אין אַ צעריסענע קאָלדרע, די לאַנגע הענט אָנגעשפּאַרט אויף די אויסגעשפּיצטע קני, דער פּנים פאַרשטעלט מיט די צעשפּרייטע פינגער, די אויגן פאַרמאַכט, דער גאַנצער קערפּער טוט אַלע מאָל אַ קאָנוואולסיון ציטער. — „אָט, זי", דערציילט אונדז מרס. באַרקלעי, „זי איז מעוברת. האָט זי נעכטן פּלוצלונג זיך אָנגעהויבן קלאַפּן מיט ביידע הענט אין בויך און האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז זי וועט בעסער דער׳הרג׳ענען דאָס קינד אין בויך, זי וויל מער נישט ברענגען קיין קינד אויף אויסצוגיין פון הונגער, ווי יענע, זי קען דאָס מער נישט צוזען, זי וויל נישט מער קיין קינד". זי, די מרס. באַרקלי, האָט איר קוים איינגעהאַלטן די הענט. זי האָט מורא, אַז זי וועט נאָך משוגע ווערן. שוין עטלעכע טעג, אַז זי רעדט קיין וואָרט צו קיינעם, קוקט אויף דעם גרויסן אויפגעשוואָלענעם בויך און וויינט.

מיר האָבן זיי אַלץ דערציילט פון דעם אַרבעטלאָזן קאָנסיל און ווי מען דאַרף זיך אָרגאַניזירן און אַלע צוזאַמען גיין פאָדערן הילף, און

מ י נ ע   ס מ אָ ל ע ר

אַז מאָרגן וועלן מיר גיין מיט זיי צו דער רעליף־ביוראָ, זיי וועלן קריגן, מען וועט זיי מוזן געבן.

דאָס ליכטל האָט שוין אָנגעהויבן אויסגיין, דער צימער איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ גרויער פינצטערניש. די זיצנדיקע פיגורן אויפן דיל האָבן אין די גרויע טונקעלע שאָטנס זיך צעשפּרייט אין גרויסע שווערע געשפּענסטער. אָט קלאָמערט מען זיך נאָך אין יעדן שטיקעלע עטוואָס צאַפּלדיקער ליכטיקייט; אָט־אָט ווערט חושך.

נייטן דער פּרעסער

אין זיינע יונגע יאָרן איז נייטן דער פּרעסער געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די שנעלסטע פּרעסערס. ער האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע דזשאָבס, איז געלאָפן אין די פריע פרימאָרגנס און אין די שפּעטע פאַרנאַכטן פון איין דזשאָב צום צווייטן, געאַרבעט אונטערן פּרייז, דערפאַר האָבן די באַלעבאַטים געוואַרט נאָר אויף אים, און סוף וואָך האָט ער געהאַט עטלעכע קאָנווערטלעך מיט „פּעי".

יאָרן זיינען געלאָפן; די רונדע־האַריקע הענט האָבן אָנגעהויבן מיט אָנגעשוואָלענע בלאָע אָדערן זיך צו באַדעקן. די אָדערן האָבן אויסגעזען ווי פאַרדרייטע שלאַנגען; די הויט איז געוואָרן ווי צוגעוואַקסן צו די ביינער. די ברייטע פעסטע פּלייצע האָט זיך מיט צווי ביינערדיקע אַקסלען העכער צום האַלדז אַרויפגעהויבן. די באַקן האָבן ווי דעכעלעך אין צווי שפּיציקע שטשאָקעס זיך אַרויסגערוקט. ער פלעגט אויף זיך קוקן אין שפּיגל און שטיל פאַר זיך אַרויסריידן: „צו שנעל אַראָפּגעפאָרן"... ער האָט באַשלאָסן נישט אַזוי צו יאָגן. ער וועט אָנהויבן אָפּהיטן דאָס געזונט.

אויפן טיש לעבן פּרעס־ברעט האָבן די בערגלעך דרעסעס אָנגעהויבן וואַקסן. „איר ווערט אַלט, נייטן, עפּעס די אַרבעט קריכט ביי אייך", האָט דער באַלעבאָס אים אָנגעהויבן אונטערזאָגן. נייטן האָט געהייסן אַריינגעמען נאָך אַ פּרעסער. ער האָט צוגעגעבן מיט גרויסמוטיקייט: „שלעכטע צייטן. קיין סך אַרבעט איז ניטאָ. זאָל נאָך איינער מאַכן אַ לעבן".

נייטן האָט באַלד דערקענט זיין טעות: אָנשטאָט צו אַרבעטן גרינגער, האָט ער זיך געדאַרפט נאָך מער יאָגן. דער יונגער איטאַליענישער פּרעסער האָט אים ערשט געוויזן אַ ביישפּיל פון שנעלקייט. ווי הייסע לאַטקעס פליט ביי אים איין דרעס נאָך דער אַנדערער.

נייטענע'ן איז דאָס נישט אָנגעשטאַנען. וואָס הייסט? אַזוי פיל אַרויבעריאָגן! ער וועט זיך נישט לאָזן. „דאַטס רייט", פלעגט דער צווייטער פּרעסער זיך וויצלען מיט אים. „אייל זיך, אייל זיך; ס'איז איצט ספּיד־אַפּ סיסטעם. איצט דאַרף מען שיסן, ברודערקע". נייטן האָט מיט פאַרביסענע ליפּן אַרויסגעבורטשעט: „אַפילו די נשמה יאָג פון זיך אַרויס. איך בין געווען מער קנאַקער פון דיר".

מינע סמאָלער

אין אַ געוויסן טאָג, האָט מען געדאַרפט אַ סך „ספּעשלס" אַרויסגעבן. נייטן האָט שנעל געוואָרפן מיט די הענט און שווער געסאָפּעט, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט אַ היציקע כוואַליע אין פּנים. אַ קאַלטער שווייס האָט זיך צעגאָסן איבער זיין גאַנצן לייב. ס'האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ און פאַר די אויגן האָבן אָנגעהויבן זינקען די הענגענדיקע פּרעסלעך. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז ער געלעגן אויף דער ערד איינגאַנצן אַ נאַסער. מען האָט אויף אַלץ געגאָסן קאַלטע וואַסער.

נאָך אַ פּאָר וואָכן אָפּרו איז נייטן צוריקגעקומען אין שאַפּ. אויף זיין פּלאַץ איז געשטאַנען אַ יונגער נעגער. דער באָס האָט אים העפלעך געזאָגט:

— רוט זיך נאָך אַביסל אָפּ, נייטן. איצט איז זייער ביזי. איך דאַרף שנעל די אַרבעט. איר זייט נאָך צו שוואַך. ווען ס'וועט ווערן סלעק און איר וועט זיך נישט דאַרפן איילן, וועל איך אייך געבן צוריק דעם דזשאַב.

— וואָס הייסט? איך האָב דאָך ביי אייך געאַרבעט אַזאַ לאַנגע צייט און געקראָגן באַצאָלט ווייניקער ווי דער „יוניאָן סקייל", ווי קענט איר מיר דאָס איצט אַזוי טאָן?

דער באָס האָט מיט אים קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט. ער האָט אים קורץ געענטפערט:

— ווי ווייניק איך האָב אייך געצאָלט, האָט איר נאָך אַלץ געמאַכט מער פאַר אַנדערע. איצט דאַרף איך האָבן אַרבעטער, וואָס קענען רירן מיט אַ האַנט. זוכט אייך ערגעץ אַ גרינגערן דזשאַב.

נייטן איז אַוועק צו זיין יוניאָן. זאָל די יוניאָן צווינגען דעם באָס אים נעמען צוריק. ס'איז דאָך זיין דזשאַב. ס'איז דאָך עפּעס אַ יוניאָן שאַפּ. נייטן קריגט אין דער יוניאָן דעם זעלבן ענטפער: איצט דאַרף מען אַרבעטן זייער שנעל, און דו קאָנסט דאָס מער נישט. מיר קענען פאַר דיר גאָר נישט טאָן.

נייטן איז אַריין אין כעס און געפאָדערט גערעכטיקייט. ער האָט די באַאַמטע אויסגערעכנט אַ צעטל זינד, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען:

— איר האָט דאָך מיר געהאָלפן זיין אַ סקעב! — האָט ער צו זיי געשריגן. — איר האָט געוואוסט, אַז איך אַרבעט אונטער דעם פּרייז און לאַנגע שטונדן, און איר האָט געשוויגן. איר האָט מיר ספּעציעל געשיקט צו מאַכן ביליקערע דזשאַבס און זיך געצאַצקעט מיט מיר פאַר די באַלעבאַטים. איצט טרייבט איר מיך אַרויס גלייך מיט זיי!

נייטן דער פּרעסער

צוויי שטאַרקע הענט האָבן אים געגעבן אַ שפּאַר אַרויס און ער האָט זיך געפונען פון יענער זייט טיר.

נייטן האָט אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. יעדן אינדערפרי האָט ער זיך געמושטירט צו האַלטן די פּלייצע גלייך, אַרויסשטעלן די ברוסט פאָראויס, גיין מיט אַ פעסטן טראָט. ער האָט אָפּגעגאָלט די וואָנצעס. ער האָט איינזינען געהאַט, אַז אין יעדן שאַפּ, וואו ער וועט אַריינקומען, זאָל ער שטיין שטאָלץ, מיט אַ שמייכל.

אָט די אַלע מיטלען האָבן אָבער נישט געהאָלפן. נייטן איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט אַריבער אַ יאָר. ער איז אומגעגאַנגען אַ שעלטנדיקער, האָט געשאָלטן די באָסעס, די יוניאָן און זיך אַליין.

— אַ פערד בין איך געווען, אַ פערד! — האָט ער נאָכאַנאַנד צו זיך געוואָרטשעט. — איצט בין איך אַן אויסגעאַרבעט פערד, דאַרף מען מיך דערשיסן.

ער גיט אַ צי אויס דעם אָרעם מיט אַ צוזאַמענגעדריקטער פויסט: יאָ, ער איז נאָך גענוג שטאַרק, ער קען נאָך אַרבעטן. ער דאַרף נאָך נישט זיין קיין אַרויסגעוואָרפענער.

נייטן דערזעט אַ שילד: „אַ פּרעסער צו דרעסעס פאַרלאַנגט”. עס גיט דער געוויינלעכער קלאַפּ אין האַרצן: אפשר איצט?

מיט ציטערדיקע קני שטייט ער אין עלעוויטאָר: דאָס האַרץ קלאַפּט אַלץ שטאַרקער; אין געדאַנק גרייט ער זיך צו, אַז אָט וועט ער ווי אַלע מאָל באַלד צוריק אַרונטער און בלייבן שטיין אין גאַס אַן אָפּגעשמיסענער. ער וויל זיך נישט אָפּנאַרן, אָבער ערגעץ טיף אין אַ ווינקעלע פונעם מוח טליעט אַ פונק פון האָפענונג: אפשר פאָרט וועט אַ נס געשען?

ער קומט אַריין אין שאַפּ. דער באָס גיט אים אַ מעסט, און רעדט אַרויס פויל:

— אַלרייט. איך האָב אַביסל אַרבעט. איר וועט דאָס קענען מאַכן.

— און אַ סך וועל איך דען ניט קענען? — כאַפּט ער גלייך אונטער, ווי צו פאַרדעקן אַן אָפּענעם מום.

מיט הונגעריקער זשעדנעקייט הויבט ער זיך אָן פאָרן ביים פּרעסברעט און פּרעסל. מיט ציטערדיקע פינגער צערטלט ער און גלעט די צוגעקלאַפּטע לייוונט אויפן פּרעס־ברעט און דאָס עטוואָס וואַרעמע פּרעסאייזן. ער פילט זיך ווי אַ דערפרייט קינד, וואָס האָט צוריק געפונען די פאַרלוירענע טאַטע־מאַמע. עס האָט אים אַזש צוזאַמענגעדריקט אין האַלדז. אָט וועט ער וואָלט געקאָנט אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף דעם פּרעס־ברעט און זיך גוט אויסוויינען, ווי פאַר אַן אַלטן פריינט, ווי גוט ס'וואָלט געווען.

מינע סמאָלער

ער גלויבט זיך אַליין נישט. וועט מען אים דאָ טאַקע לאָזן אַרבעטן? עס גיבן זיך אים אַ שאָקל די פיס מיט אַ נערוועזן ציטער. ער כאַפּט אַ קוק צום באָס. זאָל ער כאָטש נישט באַמערקן, ווי די הענט ציטערן אים. זאָל ער אים נאָר לאָזן דאָ שטיין. עס וועט אים איבערגיין אָט די ציטעריש. נייטן האָט זיך געפּלייסט צו זיין רויק. אָבער ביי יעדן מאָל, ווען ער האָט געגעבן אַ טראַכט, אַז אָט וועט צוגיין דער באָס און אים הייסן גיין, האָט די אַרבעט אים אָנגעהויבן פאַלן פון די הענט, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך ערשט געלערנט.

אַ פאַרשטערטע „גע׳ים״

די גרופּע פרויען פון „ברידזש און לאָונטשאָן״ קלוב איז שוין גע־וועז פאַרזאַמלט, און באַקוועם אויסגעזעצט אין די ווייכע פּלאַשענע שטולן פון מרס. בערגער׳ס אויסגעפּוצטן זאַל. פון די פרישע פריזורן און די אויסגעגלעטע קנייטשן אויף די מיטליאַריקע פּנימ׳ער האָט זי נאָך גע־פילט דער אַראָמאַט פון די שיינהייטס־סאַלאָנען.

מרס. בערגער איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמייעטע פון זאַל צו דער טיר און צוריק. אירע צוויי ספּעציעלע געסט האָבן אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. און זינט זי האָט די פרויען אויסגעזאָגט דעם סופּריז, אַז אירע אַ באַ־קאַנטע וועט מיטברענגען אַ „גרינע״ מיט אויסגעבערענטע ציפערן אויפן אָרעם, זיינען אַלעמענס בליקן מיט אומגעדולדיקן נייגיר געווען גע־ווענדט צו דער טיר. אָבער דער וועכנטלעכער געשפּרעך איז פאָרגע־זעצט געוואָרן: וועגן געביטענע דאָקטוירים, געענדערטע דיעטעס, וויפל וואָג מען האָט געדאַרפט פאַרלירן דורך דער וואָך. באַרימעריש האָט מען זיך געוויזן נייע פאָטאָגראַפיעס פון זין, טעכטער, שניר, איידעמס און אייניקלעך.

ענדלעך זיינען אָריינגעקומען די צוויי דערוואַרטעטע געסט. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ קער געטאָן אויף די אָרעמס פון די אַריינגעקומענע, נישט ווויסנדיק וועלכע עס איז די „גרינע״. מרס. בערגער׳ס באַקאַנטע האָט באַלד דערקלערט, אַז די גרינע איז פאַרקילט, און אַז זי דאַרף היינט ליגן אין בעט. זי האָט פאַרגעשטעלט די אַנדערע פרוי ווי דער גרינער׳ס אַ מומע. אויף אַלעמענס פּנימ׳ער האָבן זיך באַוויזן אויסדרוקן פון אַנטוי־שונג.

אָבער די שטימונג האָט זיך געביטן ווען מ׳האָט אָנגעהויבן עפּעס נעמען אין מויל אַריין ביים געגרייטן טיש מיט אַלערליי מאָדערנע סערוויזן מיט פאַרשיידענע געווירצטע פאַרשפּייזן. יעדע איינע האָט עפּעס באַמערקט ביי יעדן איינעם געשמאַקן געריכט. דער עקסטאַז האָט זיך געהויבן ווען די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט דעם „געהיימען מאכל״, וועלכער איז ביי דער גרופּע פרויען געוואָרן אַ מין קולט, צוצוגרייטן אַזוינס, אַז מען זאָל

נישט קאָנען טרעפן פון וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן. און ביי יעדן ביסן פון געהיימען פלאָדן אָדער „פּודינג" (קוגל) האָט מען מיט טיפער באַ־טראַכטונג, ווי אַ דאָקטאָר לעבן אַ חולה, געזוכט אויסצוגעפינען דעם סוד פון אָט־דער קאָמבינאַציע. צום סוף האָט מען מיט געמאַכטן ערנסט זיך געכאַפּט צו פאַרשרייבן דעם אַנטדעקטן סוד, נאָר מיט באַהאַלטענעם פאַרדאַכט, אַז עפּעס איז נישט דערזאָגט, אָדער אַריבערגעזאָגט...

נאָך אַ לאַנגן סוד'ען זיך מיט איר געלאַדענער באַקאַנטער, האָט מרס. בערגער געבעטן די פרויען, אַז זיי זאָלן אויסהערן דער „גרינער'ס" מומע, זי האָט עפּעס צו דערציילן פון איר פלימעניצע מיט די אויסגעבראָכענע ציפערן אויפן אָרעם.

מיט אויסדרוק פון צער אויפן פּנים, מיט אַ פייכטן גלאַנץ אין די אויגן, האָט די פרעמדע אין אַ געדריקטער שטימע דערציילט:

„די דייטשן האָבן לעבעדיקערהייט פאַרברענט איר פלימעניצע'ס מאַן און זייערע פיר קינדער, און זי איז פאַר איר פאַרבליבן די איינציקע פון אַ פאַרצווייגטער משפחה פון אַריבער זעכציק מענטשן"...

ביי אָט־די ווערטער, האָט זיך דער פרוי'ס קול אָפּגעהאַקט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, נאָך דער אויפלייזונג פון אַ פאַרקנוילטער דריקונג אין האַלדז, האָט זי מיט אַ ציטערדיקער שטים פאָרגעזעצט:

„ווען זי איז געפאָרן צו דער שיף זי באַגעגענען, האָבן די טרערן זיך געגאָסן פון אירע אויגן דעם גאַנצן וועג, און ווען זי האָט זי דערזען האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערדיק געוויין. אָבער די פלימעניצע האָט איר באַגעגנט מיט אַ פאַרגליווערטן פּנים און טרוקענע אויגן. אויפן וועג צו־ריק פון שיף האָט די פלימעניצע זיך צוגעטוליעט צו איר, און געזאָגט: „מומעשי, איך בין דיר אַזוי מקנא וואָס דו קאָנסט וויינען. איך, מומעשי, קאָן נישט מער וויינען, ניטאָ מער קיין טרערן"...

אָבער ווען זי האָט די פלימעניצע דערלאַנגט דעם ערשטן מאָלצייט, האָט זי געקוקט אויף דער נאַרהאַפטער שפּייז, און האָט מיטאַמאָל זיך צעכליפּעט מיט שטיקנדיקן געוויין.

„מומעשע — האָט זי ווי זיך געבעטן ביי איר — איך פאַרגין זיך נישט דאָס צו עסן, וויסנדיק אַז די לעבן־געבליבענע זיינען דאָרטן פאַר־הונגערטע, אויסגעצערטע. זאָלסט געוועזן זען מומעשע, ווי זיי האָבן מיך נאָכגעשריגן: זע לאָה'שע, פאַרגעס אונדז נישט, דערצייל דאָרטן אונדזערע יידן, אַז מיר קומען אום פון הונגער און קעלט"...

ווען זי האָט געבראַכט דער פלימעניצע אַ נייעם מלבוש, האָט זי

אַ פֿאַרשטערטע „גערים"

דאָס נאָס געמאַכט מיט נייע קוואַלן טרערן, דערמאָנענדיק: „יענע דאָרטן זיינען נאַקעט, ווי קאָן מען זיך אַליין פּוצן אין נייע קליידער?..."

„דו ווייסט מומעשע, האָט זי אַנומעלטן אַ זאָג געטאָן, — איך פּיל אַז מיינע אייגענע און נאָענסטע זיינען פאַרבליבן דאָרטן. איך מוז זיי העלפן"...

די פרוי איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט אַ פאַרשנדיקן בליק אָפּגע־מאָסטן די אָנגעשטרענגטע פּנים׳ער אַרום טיש.

„ווי־זשע קאָנען מיר זיי דאָ העלפן"? — האָט מרס. בערגער די ערשטע זיך אָפּגערופן מיט אַ שאַרף פלעמעלע אין אירע אַרויסגעשטאַר־טשעטע אויגן.

„איר קאָנט זיי העלפן, שאַפט פאַר זיי אַביסל קליידער, אַ ביסל שפּייז", האָט די פרוי געענטפערט שטיל.

„אָט דאָס אַלץ?" — האָבן זיך דערהערט אויסרופן מיט אַ טאָן פון דערלייכטערונג.

„ביי מיר אין קלאָזעט הענגען פיר טייערע מאַנטלען, שפּאָגל נייע, בלויז אַביסל אַרויס פון דער מאָדע" — האָט זיך אָפּגערופן איינע מיט אַ שטייפן פּנים און נאָסע אויגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער געזשום פון רייד מיט גערייצטע אַמביציעס ווי אַ געוועט, ווער וועמען וועט אַריבערשטייגן מיט אַ גרעסע־רער צאָל קליידער אויף אַוועקצוגעבן. איינע האָט אַפילו פאַרגעשלאָגן, אַז מען זאָל צוזאַמענגעמען די אַוועקגעלייגטע קליידער פון די זין, איידעמס, טעכטער און שניר, וועמענס הויכע פּראָפּעסיעס פאָדערן צו טראָגן אַלע מאָל נייע מלבושים.

מיט דער אַריינמישונג פון דער גרינער׳ס מומע איז מען געקומען צו אַ טאָלק: איינע האָט אָנגעבאָטן צו געבן איר גרויסן זאָל פאַר אַ ברידזש פּאַרטי, אין וועלכן עס האָבן ביי איר טאָכטער׳ס „פאַרלאָבונג" געטאַנצט צוואַנציק פּאָרלעך און זיי האָבן זיך „נישט אָנגעזען". זי האָט זיך אויך אָנגענומען אַריינצוגעבן אַ באַריכט אין דער לאָקאַלער ציטונג וועגן אָט דעם נאָבעלן אויפטו פון זייער „ברידזש קלוב".

די צייט האָט זיך גערוקט. מרס. בערגער האָט געוואָרפן אומרואיקע בליקן אויפן זייגער. מען האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין געבליבן ווייניק צייט פאַר שפּילן „ברידזש". מ׳האָט אין איילעניש זיך אויסגעזעצט ביי די קאָרטן־טישלעך. די שפּיל איז שוין אָבער נישט געגאַנגען מיטן זעלבן שוואונג ווי אַלע מאָל. ס׳האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע צעטומלט־

קייט. די אָנוועזנהייט פון דער „גרינער׳ס״ מומע האָט אויף זיי געדריקט ווי אַ שרעקנדיקער געשפּענסט... מען איז זיך צעגאַנגען פריער ווי אַלע מאָל.

ביים אַרויסבאַגלייטן האָט מרס. בערגער מיט פאַרקלעמטן אויס־דרוק אויפן פּנים זיך אַנטשולדיקט פאַר וואָס די „געים״ איז היינט פאַר־שטערט געוואָרן...

זיך געביטן מיט די ראָלן

בערטאַ איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקע, אַ פאַר־בענקטע. די אויגן פול מיט טרויער, ווי זי וואָלט שטענדיק עפּעס געזוכט, און זיך אַליין געפרעגט, וואָס טוט מען? ווי געפינט מען אַן אויסוועג?... און כאָטש אויסערלעך איז בערטאַ׳ס פאַמיליע־לעבן געווען אַ שיינע אידיליע; איר מאַן אַ גוט־באַצאָלטער אַרבעטער, אַ שיין מעבעלירטע הויז, צוויי שיינע קינדער, אָבער מיט די אַלע גוטע זאַכן האָט זיך בערטאַ געפילט זייער עלנט און דערשלאָגן.

איר גייסטיקער לעבן האָט זיך אָנגעפּאַנגען און געענדיקט אין אָפּ־טונג־געבן אויף די קינדער, און מיט דער שטענדיקער מאַנאָטאָנער שטוב־אַרבעט. איר מאַן איז געווען צו איר פרעמד, ווי די אַלע שטומע שטיקלעך מעבל אין שטוב, זאַכן וואָס מ׳דאַרף אַלע טאָג וואַשן און אַרומפּוצן. איר אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוגרייטן עסן, צוטראָגן און צונעמען. וועגן קיין אַנדער זאַך האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס מיט איר זיך צו טיילן.

ביים עסן האָט ער געקוקט אין צייטונג, און ביים לעצטן ביסן האָט ער שוין געהאַלטן דעם מאַנטל אין האַנט אַוועקצוגיין אַהין, וואו ער האָט שוין געהאַט זיינע פּלעצער: סאָסייעטי־מיטינגען, קאָרטן־פּאַרטיס, אַזוי פאַר־ברענגען מיט פריינט. און ווען ער איז שוין יאָ אַמאָל געבליבן אין דער היים, האָט ער זיך אַריינגעגראָבן אין אַ בוך.

בערטאַ פלעגט זיך אַרומדרייען אין שטוב אַן עלנטע, אַ טיף־באַליי־דיקטע. און ווען זי פלעגט פּרואוון פאַרבינדן מיט אים אַ געשפּרעך, האָט ער איר געגעבן אַן ענטפער, אַז זי איז אים איבערדריסיק, ער האַלט אונ־טער זיין ווירדע אָוועקצוגעבן פאַר איר צייט. און ווען עס איז איר שטאַרק דערגאַנגען צום האַרצן און זי האָט שוין מער נישט געקענט שווייגן, האָט זי אויפן מאָמענט געקראָגן מוט, און האָט אָנגעהויבן מאַנען ביי אים:

— וואָס איז אונדזער לעבן? וואָס האָב איך פון דעם?

פלעגט ער איר גלייך איינשטילן מיט זיין שטענדיקן וואָפן:

— וואָס, דו האָסט נאָך טענות? וואָס איז דיר שלעכט: — האָסט אַ שיי־נע היים, אַלץ וואָס דו דאַרפסט פאַר די קינדער. דו דאַרפסט זיך פילן

גליקלעך קעגן אַנדערע פּרויען, וואָס האָבן נאָך דאגות פּרנסה און דאַרפן נאָך אַרויסהעלפן דעם מאַן צו מאַכן אַ לעבן.

דאַן פלעגט בערטאַ אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ אַ שעמעוודיקע. עפּעס האָט זי אים וואָס צו ענטפערן. אָבער טיף אין האַרצן האָט זי געפילט, אַז ס׳איז איר שלעכט, אַז זי פירט אַן איינזאַם־טרוקענעם לעבן. אַט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס ער האָט איר אויסגערעכנט, פּרעסן אויף איר שוואַכן געמיט. זי פילט נישט אין דעם קיין פרייד און קיין באַרואיקונג.

זי געדענקט דאָך, אַז אַמאָל, פאַר דער חתונה, האָט זי זיך גאַנץ אַנ־דערש פאַרגעשטעלט דעם פאַמיליען־לעבן. זי אַליין איז אויך געווען גאָר אַן אַנדערע. כאָטש זי האָט געאַרבעט, האָט זי אויך געהאַט איר גייסטיק וועלטל, האָט געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געווען טע־טיק. מ׳פלעגט זיך רעכענען מיט איר מיינונג. אַט דאַן האָט זי געטראַכט: וועט דער פאַמיליען־לעבן זיין אַ שיינע פאַרזעצונג פון דעם אינהאַלטרייכן לעבן. און וואָס איצט? צוביסלעך האָט זי זיך איינגעוועבט אין די נעצן פון די שטוביקע קלייניקייטן. זי פילט אַפילו נישט די מוטערלעכע פרייד. איר לעבן איז פּוסט און אָן אינהאַלט. זי בענקט. דאָס האַרץ ווערט צעריסן. זי האָט זיך נישט צו וואָס צו כאַפּן.

עס האָט זיך אַריינגעקליבן אַ נייע שכנה די צווייטע טיר פון איר, און זי האָט דערציילט בערטאַ׳ן, אַז זי באַלאַנגט צו אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע און איצט גייט אַן אַ קאַמפּאַניע פאַר נייע מיטגלידער. אויב זי וויל קען זי מיט איר גיין צום מיטינג.

בערטאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט: יאָ, זי וועט טאַקע גיין.

זי איז אַביסל אַרויס פון הויז, קומענדיק צום מיטינג, האָט זי אירע אייגענע אויגן נישט געגלויבט! אַלע פאַרהייראַטע פרויען, אַלע פון איר שטאַט. אַזעלכע אויפגעלעבטע, אַזעלכע זיכערע ביי זיך אין זייערע רייד און באַנעמונג.

בערטאַ פילט, ווי אַ שווערער, דיקער פאַרהאַנג, גליטשט זיך אַרונטער פון איר האַרץ. זי צאַפּלט זיך פון פרייד.

די פאַרזיצערין רופט אויס: „קאָמיטע־באַריכטן״. און ס׳שטעלט זיך אויף איין פרוי נאָך דער צווייטער און מ׳גיט אָפּ באַריכטן: פון פּי־קעט־ליינס, סטרייק־קאָמיטעס, פּראָפּאַגאַנדע, אונטערנעמונגען א. ז. וו. זיי דערציילן, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן. ס׳איז דאָ אַ סך אַרבעט. הילף איז נויטיק. די פאַרזיצערין רופט אויס די מיטגלידער, מ׳זאָל העלפן טאָן די אַרבעט. ס׳איז אַ געמיינזאַמער קאַמף.

זיך געביטן מיט די ראָלן

בערטאַ זיצט מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ! זי פּילט, אַז ס'גליטשט זיך פון איר אַראָפּ אַ טויזנט־יאָריקער שימל, און ביי יעדן אויסרוף פון קאָ־מיטע־אַרבעט, הויבט זי די האַנט, אינסטינקטיוו, נישט־טראַכטנדיק: זי וועט גיין, זי וועט טאָן. נאָך דעם מיטינג רינגלען זי אַרום טעטיקע מיט־גלידער, מ'באַגריסט איר וואַרעם. צוגעקומען אַ טעטיקע חבר'טע.

בערטאַ איז גערירט און גליקלעך. זי האָט שוין אַזאַ האַרציקע באַנע־מונג לאַנג נישט געהאַט.

אַהיים איז זי געגאַנגען אַ טאַנצנדיקע, אַ זינגענדיקע. איר גאַנצער האַס צו אַלץ און צו אַלעמען איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן. זי האָט דער־פילט, אַז איצט האָט זי זיך געפונען.

אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט זי מיט צערטלעכער ליבע די קינדער אַרומגענומען. ס'איז מיטאַמאָל פאַרלאָרן געגאַנגען די נערוועזע אומגע־דולדיקייט צו זיי, אַפילו צו איר מאַן, וואָס האָט שטענדיק געטראָגן אַ כעס און פאַרדרוס, האָט נאָכגעלאָזט. זי פילט ווי די גאַנצע וועלט אַרומצונעמען. זי וועט שוין מער נישט זיין אַליין.

בערטאַ איז געוואָרן טעטיק. מיט איר גאַנצער אָנגעזאַמלטער ענערגיע האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איר מאַן האָט מיטאַמאָל באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג אין בערטאַ'ן. עפּעס איז פאַרשוואונדן איר אונטערטעניקייט. נישטאָ מער איר זוכנדיקער בליק ווען ער קומט אַהיים און איר פיינלעכער ציטער ביי זיין אַוועקגיין. זי גייט אַרום אַ זינגענדיקע, אַזאַ מוטיקע. אַזאַ זיכערקייט אין איר האַלטונג.

ער האָט אָנגעהויבן קומען פריער אַהיים און ווינציקער אַוועקגיין. ער מוז זען וואָס איז דאָ געשען? און אָט האָט ער דערזען: נייע צייטונגען און נייע ביכער אין שטוב, און פיל אָוונטן קומט בערטאַ אַהיים שפּעטער פון אים. ער ווייסט שוין וואו זי גייט און וואָס זי טוט. ס'באַפאַלט אים אַן אומרואיקייט. ער פילט, אַז זיין קעניגרייך צעפאַלט זיך. ער הויבט אָן צו פּראָטעסטירן:

— בערטאַ, וואָס גייסטו אַוועק אַזוי פיל אָוונטן?

און זי ענטפערט אים גאַנץ געלאַסן:

— דו קענסט אויך אַהין גיין. די טירן זיינען פאַר אַלעמען אָפן. מ'וועט דיך אַריינלאָזן.

ס'פאַרדריסט אים איר זעלבסשטענדיקע זיכערקייט. ער איז נישט געוואוינט צו דעם, און ער רעכנט איר אויס די אַלע זיבן גליקן, וואָס זי האָט ביי אים און זי שלאָגט איך גלייך איבער:

מינע סמאָלער

— איך דאַרף נישט אָט די אַלע גליקן דיינע און זיך פילן אַזוי אומ־גליקלעך. — איך קען אויך גיין אַרבעטן און זיין גלייך מיט דיר.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט שרעק אין די אויגן. ער האָט זיך דער־פילט אַזוי קליינלעך, נישטיק.

געשלאָסענע הענט...

דער לאַנג־יאָריקער ברוגז צווישן די צוויי לאַנדס־פרויען האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דאַן, ווען ענע האָט געהייסן חנה, און פאָליע האָט געהייסן — פעסעלע. יאָרן שפעטער, ווען ענע האָט זיך דערוואוסט, אַז פאָליע איז שוין אויך אין אַמעריקע, און אַז זי אַרבעט דאָ אין אַ שאַפ, האָט אַ צופרידענער שמייכל דורכגעשוועבט אויף איר פנים, מיט יענעם באַפרידיקטן געפיל פון וועלן זיין ברוגז מיט פאָליען איז צוריק אָפגעפרישט געוואָרן אין איר, און עס האָט איר אַוועקגעטראָגן אין איר וויטן אַמאָל... צו זייער ערשטער באַגעגעניש, ווען זיי זיינען ביידע נאָך געווען זיבן יאָר אַלט.

פעסעלע איז דאַן געשטאַנען אויף דעם לאַנגן ווייסן גאַנעק פון דער גרויסער נייער הויז, איבער וועלכער זייער הייזל איז געוואָרן אַן אונטערשטיבל, פאַרשטעלנדיק דעם איינציקן ברייטן שליאַך. די אויפגעוואַכטע דעראינערונגען האָבן אָפגעווישט צייט און שטח. אָט זעט זי זיך דאָרטן שטיין ביי דער זייט פון גאַנעק און מיט טשיקאַווער נייגעריקייט באַטראַכט זי דאָס בלאָנדע מיידעלע. אירע פאַרגאַפטע בליקן וואַנדערן אָט אויף דער העלער שטיף־געפרעסטער קליידעלע, אָט אויף די שוואַרצע גלאַנציקע שטיוועלעך מיט די גאָלדענע קנעפּלעך, אָט אויף די ווייסע פוכקע הענטלעך מיט די טיפע גריבעלעך אין די עלנבויגנס און בעקלעך. איר בליק האָט זיך לענגער איינגעגעסן אויף די ברייטע בלויע סטענגעס, איינגעפלאָכטן אין די קורצע דיקע צעפּלעך, און ווען יענע האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס און האָט זי דערזען, האָט זי אויך מיט אַ טשיקאַוון אויסדרוק געקוקט אויף איר הילוך. איר בליק האָט געוואַנדערט אויף דעם אַלטן פאַרלאַטעטן קליידעלע, אויף די דינע טונקעלע פיסלעך, אויף איר שוואַרץ־צעשויבערט קוטשעראַווען קעפּל. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, געפרעגט איינע דעם אַנדערנס נאָמען. פעסעלע האָט זיך נאָכדעם פאַרקרימט און איז אַריינגעלאָפן אין הויז.

וואָס ס'האָט מיט איר פאַסירט נאָך אָט־דער באַגעגענש, האָט זי ערשט שפּעטער מיט יאָרן פאַרשטאַנען.

ווי אַן אַלט געמאָלן בילד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין איר זכרון, זעט זי זיך איצט, ווי זי שטייט אויף אַ בענקל קעגן שפּיגל, באַטראַכט דאָס

אַלטע אויסגעריבענע קליידעלע, די דאַרע מיט זאַמד־איינגעגעסענע טונקעלע פּיסלעך, דרייט די שפּיציקע עלנבויגנס אין אַלע זייטן, אפשר וועט זי אין זיי געפינען אַזעלכע גריבעלעך ווי ביי יענער מיידעלע...

אַפילו איצט האָט זי אַ טיפע חרטה צוליב יענעם געפיל צו איר מאַמען: זי האָט געהיסן די שטיוועלעך פון אירע פיס, וואָס זי האָט געדאַרפט טראָגן נאָר שבת און ווינטער. זי האָט איר געשלאָגן, פאַרוואָס זי האָט צעריסן אַ ניצלעכע שמאַטע און דערמיט איינגעפלאָכטן די ברייטע בענדלעך, אין אירע קורצע געדיכטע לאָקן. אוי, ווי זי האָט דאַן איר מאַמען געהאַסט! איר מאַמע, אָבער, האָט צו איר גערעדט ווי צו אַ גרויסער. זי טאָר זיך נישט פאַרגלייכן צו יענער רייכער מיידעלע. יענערס טאַטע איז אַ בוכהאַלטער אין פאַבריק און איר טאַטע איז אַן אָרימער טרעגער און פאַרדינט ווייניק. זי האָט געקוקט אויף איר מאַמען מיט פאַרגאָסענע אויגן און אין איר מוח'ל האָבן געעגבערט פראַגן:

אויף מאָרגן איז זי ווידער געשטאַנען ביי דער זייט פון גאַנעק. פּעסעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַנדער שיין קליידעלע און מיט נאָך שענערע סטענגעס.

אַמאָל פלעגט זי פּעסעלע אַרויסרופן צו זיך אויפן גאַנעק און זיי האָבן זיךביידע געשפּילט מיט אירע ליאַלקעס. דאָס האָט אָבער פּאַסירט זעלטן. ווען צו פּעסעלע'ן זיינען געקומען חבר'טעס, האָט מען פון איר אָפּגעלאַכט און זי פאַרטריבן פון גאַנעק.

עס זיינען אויך פאָרגעקומען קריגערייען צווישן זיי.

יאָרן זיינען אַזוי פאַרלאָפן און די פאַרבינדונג צווישן דעם גרויסן הויז אין שכני'שן פלויט האָט זי אָפּגעטיילט אויף אַ וויטן שטח. פאַר חנה'ן איז דער פרימאָרגן געקומען אין איילעניש און זי געטריבן אין פאַבריק און פּעסעלע'ן — איצט שוין פאָליעטשקע — איז דער פרימאָרגן געקומען פאַרשלאָפן, מיט חלומות אין אָוונט — מידקייט פון אַרבעט פאַר חנה'ן און פּעסעלע קומט אָן מיט ביכער אונטערן אָרעם, אַ זינגענדיקע, אַ פרישע...

און נאָך שפּעטער: אין די אָוונטן האָט ביי פאָליעטשקען אין גרויסן זאַל זיך געגאָסן אַ העלע ליכטיקייט פון דעם קריסטאָל־באַהאַנגענעם בליךלאָמפּ און פריידיק געלעכטער האָט זיך פון דאָרט געטראָגן, געזאַנג פון ציוניסטישע לידער, און ביי חנה'ן אין שטיבל זיינען די פענצטערלעך געווען פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע שאַלן און טונקעלע מאַנטלען, כדי מען זאָל נישט אָנזען די שאָטנס פון דער פאַרזאַמלטער אַרבעטער־יוגנט, פון די „טשוואַרקאַס" (פיר־זייטיקע פאַבריק־הייזער, מיט שותפות'דיקע ווענט אונטער איין דאַך), און ביים שיין פון אַ קליין לעמפּעלע האָט מען געלייענט ביכלעך און

געשלאָסענע הענט . . .

געמאַכט פלענער פאַרן ערשטן סטרייק אויף דער גרויסער פאַפּיר־פאַבריק...

און אַט זיצט זי ביי אַ מיטינג פון אירע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. מען דערציילט איר אַז פאַליע קומט אויך אַמאָל אַהער, און אפשר וועט זי דאַ היינט אויך זיין.

מען לייענט בריוו פון שטעטל. הערצער ציטערן. מען טראָגט זיך אַריבער צוריק אַהין, פון וואַנען מען איז געקומען, וואו דאָס וויגל איז געשטאַנען, וואו נויט און אָרעמקייט האָט זיי געדריקט...

און אַט איז ענע (פאַליעטשקע) אַריינגעקומען. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אַט זיצט זי שוין לעבן איר. זייערע הענט פלעכטן זיך צו־זאַמען. ענע באַטראַכט פאַליען: דער פּנים אויסגעמאַטערט, מיט דריבנע קנייטשן, די בלויע אויגן זיינען וואַסערדיק פאַרנעפּלט...

מען לייענט די בריוו. פון דאָרטן בעט מען הילף. און אַז מ׳בעט הילף איז דאָרט דאַ לעבן, דאַרף מען העלפן. ווער־זשע וועט העלפן?

ווי אַ צוזאַמענגעוואַקסענער צווילינג האָבן זיך ענע און פאַליע די ערשטע געגעבן אַ הויב אויף. די צוויי איינגעשלאָסענע הענט אינדערהויך האָבן אויסגעקוקט ווי צוזאַמענגעשרויפטע דאַך־קראַקוועס.

די לאַנדסלייט האָבן זיך איבערגעקוקט.

— באַנייטע „טשוואַרקאַס״! — האָט איינער אויסגעשריען.

די איינגעשלאָסענע הענט אין דער הויך האָבן איבערן זאַל דערוועקט אַ נייע שבועה, אַ געאייניקטן ווילן צו העלפן.

איינע פון א סך

מיט אַן אויסדרוק פון אַ נייגעריקער באַאָבאַכטערין איז סיליע גער־מאַן געזעסן ביי די ערשטע פּאָר מיטינגען פון עמאַ לאַזאַרוס קלוב. אירע בליקן האָבן מיט פאַרגאַפונג געוואַנדערט פון איינער צו דער אַנדערער, אויף די, וועלכע האָבן זיך אויפגעשטעלט אָפּצוגעבן באַריכטן פון זייערע דורכגעפירטע אויפגאַבן. מיט נייער איבערראַשונג האָט זי אַלעמאָל אָנגע־שטעלט מויל און אויערן, וועלנדיק באַנעמען אָט די גרויסע פרייד. זי האָט באַוואונדערט דאָס ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אַלעמען, מיט אויסדרוקן פון אַפּלאָדיסמענטן, ווען עס איז באַריכטעט געוואָרן וועגן גרויסע דערגרייכונגען.

אַ טיף אויפגערודערטע, איז סיליע גערמאַן דאָס מאָל אַרויסגעגאַנגען פונעם מיטינג. אירע שנעלע טריט האָבן ווי געוואָלט אָניאָגן די שנעל־לויפנדיקע געדאַנקען. אין די אויערן האָבן נאָך וויברירט געוויסע ווער־טער פון אַן אָנפירנדיקן מיטגליד, וואָס יענע האָט אַפּעלירט צו די נייע מיטגלידער, אַז זיי זאָלן זיך אַריינוואַרפן אין דער הייליקער אַרבעט, וואָס די איצטיקע צייט האָט אַזוי גורל׳פול אַרויסגערוקט. דערביי האָט זי אָנגע מערקט מיט קלוגע רייד, ווי וויכטיק עס איז צו באַווירקן די מאַמעס פון די דערוואַקסענע און אויסגעגעבענע קינדער, וועלכע זיינען נאָך צו יונג זיך אָוועקצוזעצן און שלינגען דעם אומעט, אין די ליידיקע היימען, און זיך בלויז גריבלען און פאַרדרוסן און קריוודעס פון זין און טעכטער, פאַרוואָס זיי קומען נישט אָפּטער און מען לאַדט אַפילו די עלטערן נישט איין צו אָפּט. — „זאָלן אָט די מאַמעס זיך נישט פילן ווי ליידיקע אויסגעשעפּטע כלים און זיך בעסער פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, זיי וועלן שוין גלייכצייטיק באַרייכערן זייער אייגענע פּערזענלעכקייט וואָס מען האָט פאַרנאַכלעסיקט.

הערנדיק אָט די רייד, האָט זיך איר אַזש אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ. אָט פּונקט ווי די רעדנערין האָט אַריינגעקוקט צו איר אין האַרצן און דאָרטן אויפגעדעקט איר שווער געמיט... אויפן וועג ווען זי האָט דאָס אַלעס איבערגעטראַכט, האָט איר שטאַרק באַנג געטאָן פאַרוואָס זי איז

איינע פון אַ סך

נישט צוגעגאַנגען צו דער רעדנערין און איר נישט געדאַנקט פֿאַר אָט די טרעפֿלעכע האַרציקע ווערטער.

מיט אַ געמישטן געפֿיל פון געוואַגטקייט און שווערן געמיט, האָט סיליע גערמאַן זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל אויף אַ געדיכט־געפּאַקטן ראָג, מיט פּעטיציעס פֿאַר דער פֿאַרזעצונג פון דער אַ. פּי. עי. און אַנדערע אַרויסגע־רוקטע סאָציאַלע געזעצן. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעבויגן; זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועט איר דאָ נאָך אָנטרעפֿן אירע אַ באַקאַנטע, אָדער אַ שכנה, און זיי וועלן דענקען, אַז אָט די אַרבעט פּאַסט נישט פֿאַר איר באַלעבאַטישן שטאַנד...

אַ געפֿיל פון אַן אומבאַשטימטער באַפֿרידיקונג מיט זיך אַליין האָט זי אַרומגענומען, ווען זי איז מיט דער צווייטער חבר׳טע געגאַנגען צוריק מיט אַ היפּשן פּעקל אויסגעפֿילטע ליסטן און אַ בייטעלע מיט ביישטייערונגען פֿאַר אָט דער וויכטיקער קאָמפּאַניע. אומבאַוואוסט פֿאַר זיך אַליין האָט זי געטראָגן דעם קאָפּ געהויבן, מיט אַ שטאָלצן אויסדרוק אויף איר פּנים, אָפּן קעגן גאַס און מענטשן...

געטריבן פון אַן אויפגעוואַכטן אינערלעכן דראַנג האָט זי פּינקטלעך באַזוכט יעדן מיטינג, באַטייליקט זיך און געהאַנדלט וועגן די פֿאָרגעשלאָ־גענע נייע טעטיקייטן.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז זי געשטאַנען הינטער דער טיר, ווען די צווייטע חבר׳טע, מיט אַ צעטל אַדרעסן אין האַנט, האָט אָנגעקלונגען. אָבער ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם פרעמדן פרויען־פּנים האָט איר מיטאַמאָל באַהערשט אַ זיכערע רואיקייט. אירע לאַנג־פֿאַרהאַלטענע רייד האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּגליטשן פון צונג. איבערהויפּט ווען זי האָט אָנגעטראָפֿן אַ פרוי אין אירע מיטל־יאָרן. ווי אַ וויבריאַציע פון אַן אָנגע־רירטער סטרונע, זיינען די ווערטער אַרויס פון איר מיט אַ מיטרייסנדיקן האַרציקן טאָן אין קול; זי האָט געוואָלט יענער איבערצייגן, אַז מיט דעם, וואָס מען האָט זיך געריסן צו פֿאַרקערפּערן אין די קינדער די אייגענע, נישט דערגרייכטע אַמביציעס פון דער יוגנט, דאַרף מען זיך נישט דער־פֿילן ווי „אויסגעשעפּטע ליידיקע כלים״; אַז מען קאָן נאָך אין זיך אַנט־וויקלען נייע גייסטיקע ווערטן, לויט דער פֿאָדערונג פון נייעם לעבנס־שטייגער, און אַז גלייכצייטיק וועט מען שוין אויך פֿאַרזעצן די פֿליכטן אַפילו צו די דערוואַקסענע קינדער, אַז מען זאָל זיי נישט איבערלאָזן אין אַ וועלט פון באַדראָטער פֿאַרניכטונג.

ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן צו פֿילן די פֿרייד פון אָט דער אַרבעט.

דער קלוב איז איר געוואָרן אַ שטיק אייגנס. זי האָט זיך טיף געפּרייט מיט די דערפאָלגן און געפילט די זאָרג פון געוויסע דורכרייסן.

אַנשטאָט די פריערדיקע אַלערליי תירוצים פון זין און טעכטער, קעגן אירע פאַרוואורפן פאַרוואָס זיי ווערן אַזעלכע זעלטענע געסט, האָבן די קינדער איצט גאָר אָנגעהויבן מאָנען מער אויפמערקזאַמקייט. אָבער אין זייער טאָן האָט זיך געשפּירט אַ געהויבענע חשיבות צו איר. מיט אַ צע־שטראַלטן פּנים פלעגט זי אויסהערן די גאָר נייע קאָמפּלימענטן פון אירע קינדער: — „זע פאַ! — פלעגן זיי זיך ווענדן צו איר מאַן — „די מאַמע קוקט דאָך אויס יינגער און שענער — זינט זי איז געוואָרן „ביזי" מיט דער וועלט"... אַן אָפענער שטאָלץ האָט זיך געפילט אין זייער קול.

אין קלוב־לאָקאַל האָט געהערשט אַ לעבהאַפטע פריילעכקייט. די פיל קאָלירטע פאַפּירענע באַלקן, דער ווייס־פאַרשפּרייטער טיש מיט פאַרשיי־דענע זיסוואַרג, האָט באַטאָנט אַן אינטימע יום טוב'דיקייט. חבר'טע גער־מאַן מיט אַ גרופּע טוערינס, האָבן מיט פריידיקע אויסדרוקן אויף זייערע פּנים'ער געהאָוועט מיט אַלץ צוצוגרייטן. מיט אַ געפיל פון אַ וואַכזאַמער באַלעבאָסטע האָט איר בליק אַרומגעכאַפּט ביז דער לעצטער קלייניקייט, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. איר פּנים האָט זיך אַלעמאָל געשיינט מיט יונגטלעכער שעמעוודיקייט, ווען זי האָט אויפגעכאַפּט די נאָכפאָלגנדיקע בליקן אויף זיך. איר נאָמען איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן: אַלע האָבן געוואוסט, אַז חבר'טע סיליע גערמאַן לויפט אַלס די ערשטע שלאָג־לערין אין דער מיטגלידער־קאַמפּאַניע פאַר וועלכער אָט דער אָוונט איז גע־ווידמעט.

חבר'טע גערמאַן האָט זיך לאַנג געלאָזט בעטן ביז מען האָט ביי איר גע'פּועל'ט, אַז זי זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער ביים סוף פון אָוונט.

מיט אַ פייכטן גלאַנץ אין אירע ברוינע אויגן האָט איר קליינער רונדער פּנים מיט די קוים באַמערקבאַרע דריבנע קנייטשעלעך אויסגעדריקט אַ באַשיידענע פאַרלאָרנקייט. מיט אַ ציטער אין קול האָט זי אָנגעהויבן:

— ניין, איר דאַרפט מיר נישט דאַנקען פאַר מיינע טעטיקייטן. דאַנקען דאַרף איך גאָר אייך . . . ווייל ווען עס זאָל „חלילה" פּאַסירן, אַז איך זאָל, אָט אַזוי זיך, געזונטערהייט זיך צוריקציען פון דער פאַר־צווייגטער באַוועגונג, וואָלט די אָרגאַניזאַציע פונקט ווי איצט אָנגעגאַנגען מיט איר גוטער אַרבעט. מיין אַוועקגיין וואָלט זיך נישט אָנגעזען. אָבער ווען איר נעמט „חלילה" אַוועק דאָס אַלץ פון מיר! — האָט זי מיט אַ זשעסט פון האַנט אָנגעוויזן אויף אַלע אַנוועזנדיקע — וואָלט מיין לעבן איצט געווען אַ גאָר אָרימער, אַ נישטיקער פאַר זיך אַליין אפילו...

איינע פון אַ סך

זי האָט אַ רגע געטראַכט, ווי זי וואָלט וועלן אָנכאַפּן דעם פאָדעם פון אַ באַשטימטן געדאַנק און פאַרגעזעצט מיט פעסטע אויסגעצויגענע ווער־טער: — ניין, איך פיל זיך זייער ווייניק געקרוינט מיט אייערע לויב־געזאַנגען, אַז אַלס נייער מיטגליד האָב איך שוין אויפגעטאָן אַ סך. אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז מיין געוויסן האָט צו מיר זייער באַרעכטיקטע טענות: אַז מיט דעם וואָס מיר קלאַפּן אין פרעמדע טירן און פאַרגרע־סערן טאַקע אונדזער משפחה, דאַרף דאָס אָבער נישט זיין אויף דעם חשבון פון אונדזערע אייגענע דערוואַקסענע קינדער. לאָמיר אויך אָנ־הויבן צו רייניקן דיווילדע גראָז פון אונדזערע אייגענע גערטנער, וואָס מיר אַליין האָבן פאַרנאַכלעסיקט.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט אירע רייד. אַ מענגע פרויען פון איר עלטער האָבן זיך אַרומגעשטעלט און איר געדריקט די הענט... זי האָט זיך אויפן מאָמענט דערמאָנט אַן יענער פרוי, צו וועל־כער זי האָט דאַן נישט געוואָגט צוצוגיין און איר דאַנקען פאַר יענע האַר־ציקע ווערטער, וועלכע האָבן איר געקלונגען ווי אַן עכאָ פון איר אייגן האַרץ. מיט אַ צעשטראַלטן בליק האָט זי אָנגעהויבן זי זוכן צווישן עולם א.. האָט זיך געלאָזט גיין צו איר באַצאָלן אַן אַלטן חוב.

דער יוניאָן-מאַן

סעם איז געווען פון די גאַר־שנעלע אָפּערייטאָרס, געהאַלטן דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין מאַשין. שנעל געוואָרפן מיט די קורצע, דאַרע הענט, מיטשלעפּנדיק דעם קורצביינערדיקן קערפּער; זעלטן ווען ער האָט אַ וואָרט אַרויסגערעדט, נאָר דער שטערן מיט די טיפע פאַלדן פלעגן זיך אַלע מאָל אַרויסהויבן; די אויפגעהויבענע אויגן האָבן מיט שנעלע בליקן געכאַפּט אַלע מאָל אַ קוק אויף דעם טיש מיט די אָנגעשניטענע באַנדלעך־אַרבעט און פון דער זייט אָוועקוואַנדערן דורך דיביידע רייען מאַשינען: ווי ווייט האַלטן זיי שוין? וועט ער נאָך קענען פאַרכאַפּן אַ פּאָר באַנדלעך? אַלע מאָל, ווען עס איז געוואָרן ווייניקער באַנדלעך, האָט דער קאָפּ אים אַ נערוועזן צוק געטאָן.

דער שאַפּ איז אַמאָל געווען אונטערן קאָנטראָל פון די רעכטע, אָבער די בעלי־מלאכות האָבן זיך געביטן און סעם איז געבליבן דער איינציקער פון די אַלטע הענט. עס איז געקומען דער גענעראַל־סטרייק און דער פּאַראיי־ניקטער פראָנט־קאָמיטעט האָט גערופן די אַרבעטער צו סטרייקן, האָבן זיי געפאָלגט און געוואָרפן די אַרבעט. סעם איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנ־הייט. די אַרבעטער האָבן אים געזאָגט: „טו אָן דאָס רעקל און קום!" האָט סעם געענטפערט: „אַז מיין יוניאָן וועט מיך רופן, וועל איך גיין. איך בין שוין זעכצן יאָר אַ יוניאָן־מאַן. איך וועל וואַרטן אויף מיין יוניאָן". געזאָגט האָט ער דאָס זייער ערנסט און באַשיידן. רופן זיך אָפּ די אַרבעטער: „אָבער אַלס אַ פּרינציפּיעלער יוניאָן־מאַן וועסטו דאָך נישט סקעבן קעגן אונדז!" אין סעם מיטגעגאַנגען.

אויפן גאַס איז ער ווידער געבליבן שטיין, טראַכטנדיק, אין וועלכער ריכטונג זיך צו נעמען. די אַרבעטער רופן אים: „סעם קום מיט אונדז, מען וועט דיך דאָרט מיט קיין שטריק נישט צובינדן. וועסט דיין קרעמל נישט פאַרשפּעטיקן".

סעם איז מיטגעגאַנגען אין סטרייק־האָל. ביי זיינע שאַפּ־מיטיגגען איז ער געזעסן ווי אַ זייטיקער, אַ פרעמדער. אַז מען האָט זיך צו אים געווענדט מיט שאַפּ פראַגן, האָט ער אַ ברוגז'ער געבורטשעט: „איך ווייס נישט. איך וויל זיך נישט מישן. איך וועל שוין זען וואָס איר וועט איצט טאָן".

מיט מאָדנע אויגן האָט ער באַטראַכט דעם פול־געפּאַקטן זאַל, ווי אַ שונא אין אַ פרעמדן לאַגער.

זיין שאַפּ האָט שנעל געסעטלט. ביי דעם אַרויסנעמען די נייע יוניאָן־ביכלאַך, האָט סעם אונטערגעבורטשעט: „זעכצן יאָר אַ יוניאָן־מאַן. אַלע יאָרן געווען גוט שטייענדיק און דאַרף איצט אַרויסנעמען אַ נייעם ביכל, ווערן אַ נייער מעמבער".

אין שאַפּ האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף דאָס ניי אַ קאַמף אָנצוהאַלטן די נייע געווינסן. דער באָס האָט שוין געהאַט די דערפאַרונג פון פריער־דיקע יוניאָן־שעפּער, האָט ער זיך לאַנג נישט געאַמפּערט; אָט ער וועט „סיינען" און נאָכדעם וועט ער שוין מיט דעם ביזנעס אַגענט דורכ־קומען... דער ערשטער קאָנפליקט איז געווען אַרום אַרבעטן אום שבת. דער באָס האָט ענגעהויבן איינ׳טענה׳ען מיט גוטן; זאָל מען דערווייל אַר־בעטן האַלבע טעג. די שאַפּ־קאָמיטע האָט געענטפערט מיט אַנטשלאָסנ־קייט: ניין, מען וועט שבת נישט אַרבעטן. סעם האָט געגעבן אַ הויב אויף דעם קאָפּ און געקוקט, מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט און געוואַגטקייט די קאָמיטע האַלט זיך. דאָס ערשטע מאָל האָבן די אַרבעטער געזען סעמ׳ען האַלטן דעם קאָפּ אַרויס פון דער מאַשין. ער האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט.

טאָג־טעגלעך זיינען פאָרגעקומען קאָנפליקטן. דער באָס איז נישט געווינט געווען, אַז די מאַשינען זאָלן אַנטשוויגן ווערן פינף אַזייגער. „וואָס הייסט? עס איז נאָך האַלבער טאָג". פלעגט ער זיך וואַרפן. די שאַפּ־קאָמיטע האָט פעסט געענטפערט: „באַזעץ פריער אַלע מאַשינען, וועלן מיר נאָכדעם אַרבעטן אָווערטיים".

סעם איז געזעסן מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן און אָפענעם מויל. — אַזעלכע מאָדנע חברה, אַזעלכע שקצים! דער באָס האָט זיך שנעל איבער־ציוגט, אַז ער האָט איצט צו טאָן מיט יוניאָן־אַרבעטער, האָט איינמאָל מיט רציחה אויסגעשריגן: „איך בין געווען אַ גרויסער נאַר, וואָס איך האָב געסעטלט מיט די לינקע! ווען איך זאָל געווען סעטלען מיט די רעכטע, וואָלט איך פאַרשפּאָרט אָט די אַלע צרות!" סעם האָט דאָס געהערט, גע־געבן אַ הויב־אויף דעם קאָפּ, אַרומגעכאַפּט אַלעמען מיט איין בליק, צי מען קוקט אויף אים, און זיין בלאַסער אָפּגעצערטער פּנים האָט זיך באַ־גאָסן מיט אַ שעמעוודיקער רויטקייט.

די שאַפּ־קאָמיטע האָט געטיילט די אַרבעט; די נישט־שנעלע אַר־בעטער האָבן פון דער בעסערער אַרבעט געקראָגן מיט אַ פּאָר שטיקלעך מער, און די שנעלערע מער פון די ערגערע. אין שאַפּ האָט געהערשט אַן

איינהייטלעכע חבר'שע באַציאונג. די אַרבעטער האָבן דערפילט די גבורה פון איינייקייט.

סעם פלעגט בלויז פון געוואוינהייט כאַפּן אַלעמאָל אַ קוק אויף די אָנגעשניטענע באַנדלעך אַרבעט. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו קוקן, און האָט באַשיידן געשמייכלט אין מאַשין אַריין.

אין אַ געוויסן טאָג עפּנט זיך מיט אַמאָל ברייט אויף די טיר, עס פּאַלט אַריין מיט אַ רויש אַ גאַנצע כאַפּטע הויך־געוויקסיקע, ברייט־פּלייציקע בו־יאַנעס און שרייען אויס: „אַלע אַרונטער! קומט צו דער אמתער יוניאָן!" סעם האָט זיך דער ערשטער געגעבן אַ שטעל־אויף, האָט אָנגעהויבן לויפן איבערן שאַפּ, געוואָרפן אין אַלע זייטן פלאַם־פייערדיקע בליקן. מיט אַמאָל האָט ער געעפנט ברייט די טיר און אָנגעהויבן שרייען מיט זיין גאַנצן כח: „אַרויס, באַנדיטן! אַרויס, סוואָלאָטשעס!" און ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיי מיט די קולאַקעס. ער האָט פאַרגעסן, אַז יעדערער פון זיי קען אים מיט איין האַנט צעקוועטשן. די שאַפּ־חברים האָבן אים קוים איינגעשטילט. די כאַפּטע שטאַרקע האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם שאַפּ, ווייל די אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד. ביי זייער אַרויסגיין האָט סעם אַרויס־געכאַפּט דאָס אַלטע יוניאָן־ביכל און עס אַ וואָרף געטאָן צו זיי, ווי מען וואַרפט אימיצן נאָך אַ שטיין. מיט פינעדיקע ליפּן האָט ער אויף זיי אַ שטאַרקן שפּיי געטאָן און זיך צוריקגעקערט צו דער מאַשין.

אָבער לאַנג נאָך האָבן זיינע אויגן געברענט און די הענט האָבן גע־ציטערט.

לייבצע באָק

אין קליינעם שטעטל האָט מען אים גערופן — לייבצע באָק. דער נאָמען איז ווי מיט אים געבוירן געוואָרן. אַ קאָפּ ווי אַ באַראַן, לאַנג און שפּיציק. די אויסגעשטאַרטשעטע קעלבערנע אויגן קוקן שטענדיק פאַרויס מיט אַ פראַגע: האַ? וואָס? די הויכע האַרבאַטע נאָז קנייטשט זיך שטענדיק פון זיך אַליין, בלאָזט אויף די גרויסע נאָזלעכער, ווי זיי וואָלטן עפּעס זוכן אַנצוטאַפּן. זיין אַנוועזנהייט האָט ביי יעדן אַרויסגערופן שפּאָס און געלעכטער.

מיט די פאָליציייסקע איז ער געווען גוטער־ברודער, זיך גע'חנפ'עט זיי. שטענדיק האָט מען אים געזען זיצן אין זייערע בודקעס, פאַררוקט אין אַ ווינקל. דאָ האָט ער געזופּט פונעם קליינעם קעלישעקל און געקנייפּט פרישע בייגל פון דער קעשענע. דאָס פלעגט ער פון זיי אַרייִנקריגן פאַר אַ טריפה'ן פאַרדינסטל.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער אַריין אין דער נאָדל־אינדוסטריע. אין שאַפּ האָבן אים די אַרבעטער אַ נאָמען געגעבן — דער האָן. ביי דער קלענסטער אויפרעגונג פלעגט ער אָנשטעלן די גרויסע נאָזלעכער, וואַרפן מיט די גרויסע קעלבערנע אויגן: האַ? וואָס? דערשמעקט, און גלייך אַוועק אין אָפיס.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער לינקער באַוועגונג און מיט דעם קאַמף אין דער נאָדל־אינדוסטריע, האָבן די ביוראָקראַטישע פירער אים פאַרכאַפּט פאַר זיך, און אים געהאַלטן ווי אַן אבן־טוב. ער האָט זיך ביי זיי געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז געוואָרן זייער שטענדיקער שמש.

מען איז אַרויס אין סטרייק, וואָס די אינדוסטריעלע יוניאָן האָט גערופן אויסצוקעמפן אמת'ע יוניאָן־באַדינגונגען, איז ער אַריין אין זיין ראָל; די רעכטע קליקע האָט אים געגעבן די אויפגאַבע אויסצוזוכן סקעבס, וועלכע זאָלן וועלן אַרויפגיין אַרבעטן אין די שעפער, וואָס די לינקע נעמען אַרונטער אין סטרייק.

ער האָט אַרומגעשפּאַנט פון איין נאָדל־סעקשאָן צו דער אַנדערער,

געשמעקט, גענישטערט און איינגע׳טענה׳ט מיט די וואַקלדיקע, דערשלאָ־גענע נאָדל־אַרבעטער.

— איר זעט, ביי אונדז האָט איר פּראָטעקשאָן; מיר האָבן אַלעמען אַרום זיך, וועלכע ווילן אונדז העלפן. זיי — האָבן קיינעם נישט. קומט צו זיי וועלן אונדז העלפן. זיי — די לינקע — האָבן קיינעם נישט. קומט צו אונדז! מיר וועלן אייך געבן אַרבעט...

אַז קיינער האָט זיך צו זיינע רייד נישט צוגעהערט, האָט ער זיך גע־נומען צו די אַרויסגעפּאַלענע אַרבעטער, וועלכע ווייזן זיך שוין זעלטן אין „מאַרקעט״, וויל זיי ווייסן, אַז ס׳איז אומזיסט זייער קומען. עס זיינען דאָ יינגערע פון זיי און יענע קענען אויך קיין אַרבעט נישט קריגן.

ער האָט פאַר זיך אויסגעשריבן אַ גאַנצן צעטל פון אַט די אַרויסגעפּאַלענע אַלטע אַרבעטער, און אַוועק זיי באַזוכן אין די היימען.

דער ערשטער איז געווען זיין לאַנדסמאַן בינעם שניידער, וועלכער איז אַמאָל געווען אַן אָפּערייטאָר, נאָר איצט איז ער שוין צו אַלט נאָכ־צויאָגן דעם „ספּיד־אַפּ״ סיסטעם, זיצט ער אין הויז אַן אָפּגעזונדערטער, אַן איבעריקער, ווי אַן אַלטע אָפּגענוצטע כלי, ווי אַן אומנוצליכע זאַך אויף דער וועלט.

— זע נאָר ווער ס׳איז דאָ — האָט בינעם שניידער אויסגערופן צו זיין פרוי — אַ גאַסט. וואָס האָט דיך דאָ אַהער געבראַכט?

— איר ווילט אַרבעטן, מיסטער שניידער?

— וואָס פרעגסטו מיך אַזאַ נאַרישע פראַגע, צי איך וויל אַרבעטן? זיכער וויל איך. איך האָב אַלע מיינע יאָרן געמאַכט אַ לעבן נאָר פון אַרבעט.

— טאָ מאַכט זיך גרייט און קומט מיט מיר. איך האָב פאַר אייך אַ דזשאָב.

בינעם שניידער פרעגט אים באַשיידן:

— סעי, דו ווייסט דאָך אַז מ׳האָט מיך שוין פון אַלע שעפּער אַרויס־געשיקט, דו אַליין האָסט זיך געוויצלט וועגן מיר, האָסט מיך געהייסן ווערן אַ „דזשאַנק־פּעדלער״. איז וואָס בין איך מיטאַמאָל אַזוי נויטיק געוואָרן?

לייבצע דערקלערט אים:

— דאָס איז געווען פריער. איצט איז אַ קאַמף מיט די לינקע, מיר דאַרפן זיי אַלע אָפּראַמען, איצט האָסטו אַ ׳טשענס״; דו וועסט ביי אונדז צוריק ווערן אַ פאַלנער אַרבעטער.

לייבצע באָק

בינעם שניידער קוקט אים אָן איראָניש און זאָגט:

— אויף צו פּגר'ן, הייסט עס, בין איך אויך אַ ציג? ווי אַן אַנשטענ־דיקער מענטש האָב איך צו גאָרנישט געטויגט, אָבער צו סקעבן בין איך שוין געוואָרן אַ פּאַלנער אַרבעטער, און האָב שוין אויך אַ טשענס!

לייבצע באָק איז געבליבן שטיין צעטומלט און אַ צעהיצטער אויסגע־שריען:

— איר האָט זיך שוין אויך אָנגעשטעקט פון די לינקע — גייט צו זיי!

— איך בין דען געקומען צו דיר עפּעס בעטן? דו ביסט דערוויל געקומען צו מיר. טאָ זאָג איך דיר: גיי צו זיי — צו דיינע רעכטע פּאַר־רעטער!

— איך האָב אַ גאַנצן צעטל פון אַזעלכע ווי איר — האָט לייבצע שוין שטייענדיק אויף יענער זייט טיר אַריינגעשריען — זיי וועלן זיך אָנכאַפּן און זיין צופרידן. זיי זיינען נישט אַזעלכע שוטים, ווי דו...

— זיי וועלן זיך אָנכאַפּן פונקט ווי איך האָב זיך אָן דיר אָנגעכאַפּט

— האָט בינעם שניידער געענטפערט — פאַרמאַך די טיר — גאָרילאַ... גיי...

פאַר אייביקע זעקס חדשים

אין דער צייט ווען עס זיינען נאָך אָנגעגאַנגען ביטערע קאַמפן אין דער סאָוועטישער רוסלאַנד מיט די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען האָבן שיפן, אין סאַן־פראַנציסקער האַפן, אַריינגעבראַכט יעדן טאָג הונדערטער פון דעם רוסישן אַדל, פון אַלערליי הויכע מיליטערישע ראַנגען, אַנטלאָפענע דורכן פאַסיפיק. גאַנצע משפחות פלעגן אַרויסקומען פון די שיפן מיט גרויסע שווערע קאַסטנס.

ס׳איז פרימאָרגן. איך קום אַריין אין אַ ניי־געעפנטן שאַפּ פון „קאָטן־דרעסעס", ערשט דער פאָרמאַן פירט מיך צו דער לעצטער מאַשין אין ווינקל, און ער ווענדט זיך צו מיינע נאָענטסטע שכנים אין רוסיש: — אָט די פרוי קען די אַרבעט. איר וועט נאָכקוקן ווי זי אַרבעט וועט אייך זיין גרינגער.

זעקס פאָר אויגן, צוויי ברוינע און פיר בלויע, האָבן צוגעוואָרפן פאַרשנדיקע בליקן אויף מיר, און שווייגנדיק זיך איבערגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. ביי דער צווייטער מאַשין לעבן מיר איז געזעסן אַ יונגע שלאַנקע בלאָנדינקע, מיט אַ רונדן ווייסן צאַרטן פנים, מיט גרויסע טיפע בלויע אויגן, — אַזעלכע פלעגט מען ביי אונדז באַצייכענען אַלס אַ פּריציש פנימ׳ל... די אַנטקעגנדיקע האָט אויסגעקוקט אין די דרייסיקער, זי האָט געהאַט אַ מאַטאָווע הויט מיט סעמיטישע געזיכטס־שטריכן. אירע גרויסע ברוינע אויגן האָבן אַרויסגעגעבן אַ פאַרדעכטיקטן שאַרפן גלאַנץ. די צווייטע פון איר, אַ מיטל־יעריקע, אַ דיקע, מיט פלאַקסענע האָר, האָט געהאַט שמאָלע העל־בלויע אויגעלעך. אירע הויכע קינבאַקן און אַ קורץ פאַררִיסענע נאָז האָט איר צוגעגעבן אַ מאָנגאָלישן אויסדרוק.

מיט אַ געדריקטן שווייגן האָבן אַלע דריי געהאַלטן אָנגעשטרענגט זייערע בליקן אונטער דער נאָדל פון מיין מאַשין, און אויף די אַרויסגערוקטע אָפּגעשטעפּטע טיילן. — איר קענט נעמען אָט די טיילן און זיי באַקוקן — ווענדע איך זיך צו זיי אין רוסיש. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און האָבן זיך אַלע דריי איבערגעקוקט שמייכלענדיק. די אַנטקעגנדיקע האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט. די עלטערע לעבן איר האָט מיר צוגעוואָרפן אַ קורצן

שמייכל. די בלאָנדע לעבן מיין זייט האָט מיט אַ ווייכן קול אַרויסגערעדט:
— אַ דאַנק — און האָט צוגערוקט די אָפּגענייטע שטיקלעך צו זיך און אַביסל צוגעוואָרפן צו די אַנדערע.

דער טאָג איז אַוועק ווי אין אַ ברוגז־טאַנץ. נאָך אַלע מיינע אָנווייזונגען ווי צו מאַכן די אַרבעט, האָבן זיי מיר פון צייט־צו־צייט שטיל געענטפערט מיט אַ קורצן אָפּגעכאַפּטן דאַנק.

מיט קנאה׳דיקע בליקן האָבן זיי זיך איבערגעקוקט, ווען איך האָב מיין „באַנדל״ אַרויסגעענדיקט, און זיי האָבן געשטעקט נאָך ווייט פון האַלב. ווען איך בין צוגעקומען מיט דעם צווייטן „באַנדל״ אַרבעט, האָבן זיי אָפּ־געהאַקט די רייד צווישן זיך. אויף זייערע פּנימער איז געווען אויסגע־דריקט אַ קריגערשע שטימונג.

די בלאָנדע פון מיין זייט האָט מיר באַלד אַ פרעג געטאָן, מיט אַ טאָן מער פון אַ באַשטימונג ווי אַ פראַגע, צי איך בין אַ יידישע? מיט אַ צע־שפּילטער פאַרב אויף איר פּנים, און מיט אַ טאָן פון אונטערגעדריקטער אויפרעגונג, האָט זי זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פראַגע, ווי לאַנג איך קען שוין די אַרבעט, און ווי לאַנג וועט דאָס איר נעמען זיך אויסצולערנען.

די וואָס איך לערן איר די אַרבעט, וואָס ס׳האָט טאַקע אָנגעהויבן גיין ביי איר שנעלער און בעסער פון די אַנדערע צוויי, האָט אין אַ שטילן טאָן מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן אירע פריינדינס: די, אַנטקעגן מיר, איז דאָס ווייב פון אַ מיליטערישן דאָקטאָר, די „באָלשעוויקעס״ האָבן אים גע׳הרג׳עט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט העלפן די פאַרוואונדעטע „רויטע״. אָבער יענע פאַרדעכטיקט, אַז די יידן האָבן אים גע׳הרג׳עט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט העלפן די יידישע פאַרוואונדעטע. די צווייטע, די עלטערע, איז דאָס ווייב פון אַ גענעראַל, וועלכער האָט היפּשלעך אונטערגעטרונקען אין דער היים, און איצט איז ער קיינמאָל ניט ניכטער. און איר מאַן איז אַ פּאָלקאָווניק, איז געוואָרן זייער מעלאַנכאָליש און קען זיך נישט צופּאַסן צו קיין אַרבעט. זיי האָבן צוויי קינדער, פון צוועלף און אַכט יאָר, זי האָט אויך מיטגעבראַכט איר אַלטע מאַמע, און פאַר זיי אַלע דאַרף זי איצט מאַכן אַ לעבן.

איך שטעל איר אָפּ מיט אַן אומשולדיקע מינע:
— איר מיינט צו זאָגן, אַז אייער מאַן איז געווען אַ פּאָלקאָווניק?
— ניין, — כאַפּט זי אונטער מיט פעסטער זיכערקייט אין טאָן — ער איז נאָך איצט אויך אַ פּאָלקאָווניק און ער וועט נאָך זיין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט! — עס צעשפּילט זיך אין איר ווידער אַ טיפע ראָזעווע פאַרב אין פּנים. זי רעדט מיט האַסט — מער ווי נאָך זעקס חדשים וועלן די באָל־

מינע סמאָלער

שעוויקעס זיך נישט האַלטן, ניין, נישט מעגלעך! — רעדט זי ווי פאַר זיך אַליין און זי גיט זיך צו מיר אַ שאַרפן קער: — איר ווייסט! — רעדט זי אַרויס ווי מיט זיגערישן אויסרוף! — עס זיינען דאָך דאָרט פאַרבליבן בלויז „בעזגראַמאָטנע“. מיר וועלן זיך שנעל אומקערן צו אונדזער הייליקער רוסישער ערד! — זי האָט געטראַכט אַ ווײַלע, און געשטעלט אויף מיר אַ פאָרשנדיקן בליק — ניין, דו ביזט צו גוט צו זיין אַ באָלשעוויק. אויף דיר וועל איך אַזעלכעס ניט גלויבן... נאָך זעקס חדשים און נישט מער! — באַטאָנט זי מיט נייעם עקסטאַז! וועלנדיק מיך טאַקע איבערצייגן, כאַפּט זי אַרויס אַ בילעט פון איר בייטל און דערלאַנגט אים מיר מיט אַ דערקלער־רונג: דעם יערלעכן מיליטערישן באָל אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע פירן זיי דערוויל דורך אין סאַן־פראַנציסקאָ אין דעם רייכסטן האָטעל אין שטאָט און אַ בילעט גיט זי מיר אַלס מתנה, דערפאַר וואָס איך לערן איר די אַרבעט. „דער בילעט קאָסט אַ סך געלט“. נאָר איר מאַן האָט די אויפזיכט איבער די בילעטן, האָט זי אַראָפּגענומען עטלעכע.

זי האָט מיר אָפּגעוואַרט אין דער באַשטימטער צייט, ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז זי זאָל מיר גלייך אַרויפפירן אויף דער גאַלעריע, וואו איך זאָל אַלץ קענען זען און זיך נישט וואַרפן אין די אויגן מיט מיין פּשוט'ער קליידונג.

אין אַ לאָזשע אויף דער גאַלעריע האָט זי מיך פאָרגעשטעלט פאַר צוויי פרויען, איר מאַמע און אַ מומע. איר מאַמע'ס מאַסיווער שמאַלצי־קער קערפּער איז געווען אַריבערגעפאַלן פון ביידע זייטן שטול, ווי אַרי־בערגעפלאָסענע ראָשטשינע פון אַ דייזשע. די מומע איז געווען פונקט דער קאָנטראַסט: אַ דינע, ביינערדיקע, מיט אַ לאַנגן האַלדז, אַ צעקנייטשט פּנימ'ל, ווי אַ שמאָל ברעטלדיקע טשוטשעלע אין אַ גאָרטן. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע שטעקלדיקע הענט. ביידע האָבן צו מיר געשמייכלט, קאַלט און העפלעך.

אין דער גאַנצער פּאַנאָראַמע פון דעם גרויסן בלענדנדיקן זאַל האָב איך באַלד דערקענט דעם קייזערלעכן באָל פון טאָלסטאָי'ס בוך „קריג און פרידן“. מענער פון פאַרשיידענעם עלטער, אין אַלערליי מיליטערישע קאָסטיומען, וועלכע האָבן באַצייכנט יעדן ראַנג. עס האָבן זיך געמיניעט פאַרשיידענע קאָלירן, בלוי, גרין, געל און ווייס. די מערסטע מיט שמאָלע געפּאַסטע הויזן, מיט זילבערנע און גאָלדענע טאַשמעס אין די ווייטיקע נאָטן און גאַנצע פלאַכטעס גאָלדענע מעדאַלן אויף דער ברוסט און עפּאָ־לעטן. די גלאַנצנדיקע שפּאָרן אַרום די קנאַפּל פון די לאַנגע שוואַרצע

שטיוול האָבן אַרויסגעגעבן אַ שאַרפֿן גרילצנדיקן קלאַנג. יעדן מאָל האָט אַ קלענערער ראַנג סאַלוטירט אַ העכערן מיט אַ גלייכער אויסגעצויגנקייט, מיט אַן אויפֿגעהויבענער האַנט ביי אַ זייט שטערן, מיט אַ קונציקן קלאַפּ פֿון די שפּאָרן איינעם אין דעם אַנדערן. אין דער לופֿט האָט זיך געטראָגן דער געזשום פֿון איינע און די זעלבע ווערטער: „אייער איידל געבוירנ־קייט". „אייער הויכע געזאַלבטקייט". די פּערל און דימענטן פֿון די פּרויעשע קעפּ, הענט און העלדזער, האָבן געבלענדט ווי מיט בליצנדיקע רעגנבויגן־קאָלירן. צווישן דעם געדיכטן העל־קאָלירטן עולם האָבן זיך דורכגעפּלאָנטערט פֿיגורן אין ציווילע שוואַרצע קאָסטיומען, און מיט גע־בויגענע רוקנס הכנעה'דיק זיך געגריסט מיט די מיליטערישע ראַנגען. איי־ביקע האָבן אויסגעקוקט ווי נעבעכדיקע קאַרליקעס קעגן די הויכע מאַסיווע קערפּערס מיט הויכע שטאָלצע לייבן־קעפּ. זיי האָבן נאָך נידעריקער זיך געבויגן פֿאַר די דאַמען, געקושט זייערע אויסגעשטרעקטע פֿינגער מיט טי־פֿער ווירדעקייט.

ווען איך האָב אַוועקגעקערט דעם קאָפּ פֿון זאַל, האָט די פּעטע געקוקט אויף מיר מיט אַן אַרויסרוף־בליק... ווי פֿון אַ זיכערן זיגער. עס האָט מיר געשטשיפּעט ביים צונג זיך אַ רייַץ צו טאָן מיט איר:

— הייסט דאָס, ווי אַלע יאָר, וועט איר דורכפֿירן אַזאַ מיליטערישן באַל אין סאַן־פֿראַנציסקאָ, — ווענד איך זיך צו איר אין אַ טאָן פֿון באַ־שטעטיקונג.

— גאָט באַהיט — כאַפּט זי באַלד אונטער מיט אויפֿרעגונג אין קול — דעם קומענדיקן ווינטער וועלן מיר אָט דעם באַל פּראַווען אין פּעטער־בורג, און אין מאָסקווע. אונדזער הייליקע רוסלאַנד וועט צוריק געבענטשט ווערן מיט דער הייליקייט פֿון אַ נייעם קייסער.

אירע צעעפֿנטע שמאָלע ליפּן האָבן געציטערט מיט בלויקייט, ווי נאָ־קעטע פֿליגעלעך פֿון אַ פֿריש־אויסגעפּיקט פֿייגעלע. די צוויטע דיבינקע איז געזעסן אַן איינגעשרומפּענע, ווי אַן איינגעצויגענער יאָזשיק, און פֿרום געשעפּטשעט: — גאָט באַהיט! גאָט באַהיט אונדז!

* * *

פֿיל וואַסערן זיינען אַריבערגעלאָפֿן זינט יענער צייט. איינמאָל בין איך אָנגעקומען אין אַ נייעם דרעס־שאָפּ אין ברוקלין. מיטאָג־צייט, צווישן די אַרומגעזעצטע, ביי אַ ספּעציעלן עס־טיש, מערסטע, דינע יונגע איטאַ־ליענישע מיידלעך, האָט זיך אויסגעטיילט אַ דיקע רונדע פֿיגור. איר מאַ־סיווער, שווערער קערפּער אויף דעם הויכן רונדן בענקל, האָט מיר אַן אימיצן דערמאָנט. ווען זי האָט אויפֿגעהויבן די אויגן האָבן אונדזערע

מ י נ ע ס מ אָ ל ע ר

בליקן זיך באַגעגנט, און זיך אָפּגעשטעלט איינע אויף דער אַנדערע... מיט אַ פרעגנדיקן אויסדרוק.

— האָסטו געוואוינט אַמאָל אין סאַן־פראַנציסקאָ? — פרעגט זי מיר מיט אַ שאַרפן רדר־שיקן אַקצענט. מיר האָבן זיך גלייך דערקענט און זיך אָנגערופן ביי אונדזערע נעמען. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ פריידיקע איבער־ראַשונג, וואָס זי האָט מיך נאָכאַמאָל באַגעגנט. אויף מיין פראַגע ווי זי קומט אַהער? האָט זי מיר גלייך אָנגעהויבן דערציילן מיט אינטימען צוטרוי ווי צו אַן אַלטן פריינט:

אַ סך אומגליקן האָט איר געטראָפן. איר מאַמע און איר מאַן דיינען געשטאָרבן, און זי זיפצט דערביי אַרויס שטיל צווישן די ציין; פאַר צרות געוואָרן אַן אַלקאָהאָליקער און איז פאַרברענט געוואָרן פון דעם שטאַרקן געטראַנק. די טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ זון פון דעם רוסישן אַדל, אַ לאָיער. ער האָט זיך אָבער אַריינגעלאָזט אין געוויסע טונקעלע געשעפטן מיט געפערלעכע פערזאָנען און איז נישט געבליבן. זיי וויסן אָפילו נישט צי ער לעבט צי ער איז טויט. די טאָכטער איז געבליבן מיט צוויי קינדער, זיינען זיי געקומען קיין ניו יאָרק צום זון. ער איז געהאַט אַוועקגעפאָרן נאָכן סקאַנדאַל מיט איר טאָכטער׳ס מאַן, און אָנשטאָט צו לערנען ווייטער פאַר אַן אינזשעניר, איז ער גאָר געוואָרן אַ טראַק־דריי־ווער. אָבער דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט, ער פאַרדינט גוטע געלט און העלפט אַרויס.

אָבער דער גרעסטער אומגליק האָט איר געטראָפן מיטן זון! ער האָט זיך דאָ אָנגעשטעקט מיט דער „רויטער פעסט". ער איז געוואָרן אַ באָלשעוויק — רעדט זי אַרויס אין אַ פיינלעכן טאָן... „ער לאַכט אָפּ און שילט זיין אייגענעם שטאַם", דערציילט זי ווייטער מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן און צעוויטיקטן קול, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו באַווירקן דער טאָכ־טער אויך. און ווען די היגע „באָלשעוויקעס" האָבן געפייערט דעם סאָוועט־טישן יובילייט, האָט ער געבראַכט אַ פלעשל רוסישן בראַנפן און געטרונקען מיט דער שוועסטער אַ טאָסט פאַר דער אייביקער סאָוועטן־רוסלאַנד! זי איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. איז ער אַרויסגעלאָפן פון הויז, און עס איז שוין אַ וואָך צייט, אַז ער וויזט זיך נישט, און די טאָכטער שפּילט איר אויך אַ ברוגז...

זי האָט אויפגעהויבן אירע קלענער־געוואָרענע, טיפע, בלויע אויגן. אויף אירע פולע רונדע באַקן האָבן זיך געקייקלט טרערן און אונטער דעם שיין פון לעמפּל האָבן זיי אָפּגעגלאַנצט ווי זילבער טראָפּנס.

באַפּט זיך ביי מיר אַרויס אַ שטיקל חוזק... — און איך האָב גע־

מיינט אַז איר זייט שוין לאַנג צוריק אין רוסלאַנד. זי כאַפּט אויף מיר אַ דורכדרינגענדיקן בליק. דער פאַר'צער'טער אויסדרוק אויף איר אויסגע־פילטן פּנים ווערט מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. מיט אַ בייזער גרימאַסע רעדט זי אַרויס האַרט און טרוקן: „ווען נישט אייער רוזוועלט, „דאָבל־קראָסער" וואָלטן אַלע אונדזערע שוין געווען דאָרטן צוריק, אָבער מיר וועלן נאָך דאָרטן זיין. טרומאַן איז אַן אונדזעריקער... מירן נאָך זיין, מיר וועלן נאָך זיין!" — רעדט זי אַרויס שנעל מיט האַסט, פּונקט ווי דעמאָלט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין סאַן־פראַנציסקאָ.

אײדער זי הויבט אויף איר שווערן מאַסיוון קערפּער, גיס איך אָן צוויי גלעזער קאָקאָ־קאָלאַ פון דעם פלעשל, מיט וועלכן זי האָט מיר געוואָלט טראַקטירן. „איך שליס זיך אָן אין דעם סאַלוט פון דיין זון און טאָכטער!" — הייב איך אויף מיין אָנגעפילטע גלאָז — פאַר די אייביקע זעקס חדשים. זי האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פייַנטלעכן בליק און ווי אַ שיף צווישן כוואַליעס, האָט זיך איר שווערער קערפּער אַוועקגעוויגט איבער דעם לאַנגן, טונקעלן שאַפּ.

זי האָט געוואָגט

עס איז נאָך געווען אין פריען באַגינען. ליליען איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, געקוקט אין ליידיקן חלל. איר נייע מיט־וואוינעריך, אַן אַלטע עלנטע קרובה, איז געלעגן אין צווייטן בעטל און מיט אַ פאַרשנדיקן בליק געקוקט אויף ליליע'ן, מיט אַן אויס־דרוק ווי פון עפּעס אַ דערוואַרטונג.

מיט שטילער באַוועגונג, ווי ניט צו שטערן די שטילקייט אַרום אַ קראַנקן, האָט די אַלטע אַביסל אַרויפגעצויגן דעם ראָלעט פון פענצטער לעבן איר בעט. די שויבן זיינען געווען מאַט, פאַרנעפּלט, עס האָט דורך זיי אַריינגעקוקט אַ קאַלעמוטנער הימל, גרויע געדיכטע וואָלקנס, ווי מעוברת'ע שעפּסן, האָבן זיך געדרוקט מיט לאַנגזאַמער שווערקייט.

— עס וועט באַלד אַ גאָס טאָן אַ שטאַרקער רעגן — האָט די אַלטע איבערגעריסן דאָס אומעטיקע שווייגן.

— הלוואַי שטענדיק אַזעלכע טעג, — האָט ליליען געענטפערט מיט אַ טרוקן טעמפּן קול.

— אַז מען וויל אַנטלויפן פון דער זון, איז ווי מען זאָל אַנטלויפן פון גאָט! עס איז אַ זינד! — האָט די אַלטע אַרויסגערעדט פרום און שטראָפעריש.

— איך דאַרף זיי איצט ביידן ניט. — האָט ליליען געענטפערט מיט אַ געררייצטן קול.

— אוי, שווייג! — האָט די אַלטע אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— דזשימי האָט די זון אַזוי שטאַרק ליב געהאַט! — האָט ליליען זיך אָפּגערופן, ווי ענטפערנדיק אויף אַ געמאַטערטן געדאַנק. זי האָט אַ קער געטאָן די אויגן צו דעם זייטיקן ביכער־שראַנק, לאַנג געקוקט אויף די געדיכטע רייען ביכער, און אין אַ געבראָכענעם קול האָט זי ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— צעוואַקסן ווי אַ הויכער בוים. גאַנץ פרי פלעגט ער זיך אַרויס־כאַפּן אַ האַלב־הוילער און געשלונגען די וואַרעמע זון־שטראַלן. צוזאַמען מיט די ביכער, פלעג איך הערן דאָס גערויש פון זיין שנעלן בלעטערן, — און איך האָב זיך שטענדיק געבייזערש אויף אים! כ'האָב אַפילו פיינט

זי האָט געוואַגט

געקראָגן אָט־די אַלע ביכער זיינע, ווייל זיי האָבן אים געררייצט צו גע־וואַגטקייט. — שטענדיק האָב איך זיך נאָר געבייזערט אויף אים!... — האָט זי געזאָגט אין אַ פאַרשטיקטן טאָן פון טיפער חרטה.

אין קיך, ביים קראַן מיט דער קאַוע־קענדל אין האַנט, האָט די אַלטע מיטאַמאָל פאַרדרייט דאָס וואַסער, ווען זי האָט דערהערט עפּעס שאַרכן אין צווייטן צימער. אַ צופרידענער אויסדרוק האָט דורכגע־שוועבט אויף איר צעקנייטשטן טונקל־ברוינעם פּנים, האָט מיט פאַר־גנב׳עטע בליקן דורך דער קיך־טיר אַריינגעקוקט אין אַ שלאָפצימער. ליליען איז געשטאַנען אַ האַלב־אָנגעטאָענע. מיט אַ שטאַרן, טרויעריקן בליק האָט זי באַטראַכט ליליען׳ס אָפּגעצערטן קערפּער, וואָס פון זיינע היפּטן האָבן איצט אַרויסגעשטאַרטשט פלאַכע שפּיציקע ביינער. דער רוקן געבויגן ווי ביי אַ זקנה, די טונקל־ברוינע הויט אויף דעם ברייט־לעכן פּנים איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַן אויסגעליידיקטער פּענכער. די טיף־שוואַרצע אויגן האָבן אויסגעזען דערשראָקן און מיט אַ פייכטן גלאַנץ.

די אַלטע האָט אַרומגעפּאָרעט אַרום ליליען מיט מאַמעשער צערט־לעכקייט. מיט הילפלאָזער אומרו האָט זי נאָכגעקוקט מיט וואָס פאַר אַ ציטערדיקער איילעניש ליליען פּאַקט איין איר אַרבעטס־קליידל און אַרבעטס־שיך. אויף דער אַלטער׳ס געבעט, אַז זי זאָל ניט גיין היינט אַרבעטן, ווייל זי איז אַזוי שוואַך, האָט ליליען בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מען זאָגט: — „לאָז מיך״. ביים טיש האָט די אַלטע אַפילו ניט פּרובירט — ווי זי פלעגט דאָס טאָן יעדן טאָג, מיט גוטן און מיט בייזן, צו צווינגען זי עפּעס עסן. ווען זי האָט באַגלייט ליליען צו דער טיר, האָט די אַלטע צוזאַמענגעלייגט ביידע הענט און זי געבענטשט מיט אַ שטילער תפילה.

— נאַרישקייט — האָט ליליען איר צוגעוואָרפן אַ איראָנישן בליק, ווער האָט דיך דען באַשיצט אין דיין שווערן עלענטן לעבן, און מיט וואָס בין איך איצט געבליבן, אָן מיין מאַן, און איצט אָן מיין איינציקן קינד.

— —

נאָכן פאַרלאָזן די דריטע הויז, האָט ליליען באַשלאָסן, אַז די אי־בעריקע דריי באַלעבאָסטעס וועט זי שוין ניט באַזוכן. אַ פיינלעבער ווידערגעפיל האָט זי אַרומגענומען צו די איינע און די זעלבע טרייסט־ווערטער און די פלוצלונדיקע געטריישאַפט צו איר, אַז „זי מוז זיך בעסער צוזען און אַרויפנעמען מער לייב אויף זיך״, און מען וועט איר

מינע סמאַלער

שוין לאַנג ווייסן ווען זי זאָל קומען צו דער אַרבעט. מען וועט דערווייל אָנהאַלטן די נייע אַרבעטער.

„בעסער אַזוי", — האָט אין איר אַרויסגערעדט אַן אינערלעכער קול! — מיט אַ באַפרידיקטן געפיל, ווי פון אַ צוריקגעוואונענער ווירדיקייט, האָט זי באַשלאָסן איינשטעלן נייע אַרבעטס־טעג אין אַנדערע הייזער.

עס איז געווען אין אַ זוניקן פרימאָרגן, ווען ליליען האָט אָנגעקלאַפּט אין איינער פון די צווי רייען „באַלעבאַטישע" הייזער, געפאַרבט אין פאַרשיידענע קאָלירן, מיט הויכע און לאַנגע באַלקאָנען, אַרומגעזוימטע מיט געשוירענע קוסטעס פלאַנצן.

— מעם, די אַרבעטס־ביוראָ האָט מיך געשיקט אַהער אויף טאָג־אַרבעט, — האָט ליליען זיך געווענדעט צו דער דינער שלאַנקער פרוי קעגנאיבער איר, און איר דערלאַנגט אַ ווייס רעקאָמענדאַציע־קאַרטל. בשעת יענע האָט אַריינגעקוקט אין קאַרטל, האָט ליליען געגעבן אַ מעסט־אָפּ איר נייע באַלעבאָסטע. אַ בליק אין אירע ברייט־צעעפנטע אויגן איז געבליבן הענגען אויף דער אויבערשטער זייט בוזים פון איר שוואַרץ קלייד, וואו עס איז געווען אָנגעשפיליעט אַ דריי־קאָלירט שלייפעלע פון ווייס, רויט און בלוי, ווי אַ צייכן פון אַ מיליטערישן מעדאַל. אירע וויעס האָבן אַ לייכטן ציטער געטאָן.

— גוט האָט די פרוי געענטפערט, און געכאַפּט אַ קוק אויף ליליען. איר בליק האָט זיך ווי פאַרטשעפּעט אין דעם אַוועקגערוקטן לאַפּעל פון ליליען'ס שוואַרץ קלייד, וואו עס איז געווען אָנגעשפיליעט דאָס־זעלבע דריי־קאָלירטע שלייפעלע. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זיי האָבן ביידע געשוויגן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים איבער אַן אָפּענעם ארון.

— יעס מעם, אַזוי איז דאָס, — האָט ליליען אַרויסגערעדט אין אַ טאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט, אַז זיי פאַרשטייען זיך ביידע און אַז עס איז ניטאָ קיין טרייסט.

— וואו איז דיינער געפאַלן? — האָט די פרוי געפרעגט ליליען, מיט אַ ווייך טרויעריק קול.

— אין אָקינאַווע, מעם, ביי דער לעצטער שלאַכט, — האָט ליליען געענטפערט מיט אַ ציטער אין קול.

— און מיינער אין נאָרמאַנדיע, — האָט די פרוי אַרויסגערעדט די ווערטער ווי פאַר זיך אַליין.

זי האָט געוואַגט

ליליען האָט מיטאַמאָל דערפֿילט אומהיימלעך פֿון אָט־דער פּלוצ־לונגער נאָענטקייט אין אומגליק.

— ווּעסט מיר ווייזן וואָס צו טאָן, מעם? — האָט זי איבערגעריסן דאָס שווערע שווייגן.

די פֿרוי האָט איר געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז זי זאָל איר נאָכגיין. מיט אַ צאַרטן אומעטיק קול, ווי מען רעדט צו אַ גלייכן, האָט זי אָנגעוויזן:

— אָט דאָס איז מיין דזשאָנ׳ס פּיאַנע, אָט־די אָפֿענע נאָטן שטייען דאָ ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזן. אָט־דאָ הענגען זיינע לעצטע ביל־דער אין די קליידער פֿון אַלערליי ספּאָרטס.

ליליען איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן.

— ער איז געווען אַ גוטער פּייאַקער יינגל, מיין דזשאָן, — האָט די פֿרוי גערעדט מיט אַ טרויעריק קול.

— מיינער איז אויך געווען אַ זייער גראָטענער, — דערהערט פּלוצלונג ליליען, ווי אַ פֿרעמדן, איר אייגענעם קול, און פֿון אירע ציטערדיקע ליפּן לויפֿן קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— מיין דזשימי האָט אויך געשפּילט קלאַרינעט, געלייענט ביכער, עס איז געבליבן ביי מיר אַ פּולע שטוב מיט ביכער. האָב געקראָגן אַ בריוו פֿון דעם גענעראַל. ער שרייבט מיר, אַז איך זאָל זיין שטאָלץ און געטרייסט מיט מיין זון... אַז ער האָט מיט העלדישן מוט...

— גענוג, גענוג צו באַרימען זיך, — דערהערט פּלוצלונג ליליען, ווי אַן אַראָפּגעפֿאַלענער דונער, אַ בייז דראָענדיק קול!...

דאָס האַרץ האָט איר אַ צאַפּל געטאָן, די פּיס האָבן זיך איר אַ בייג געטאָן. זי האָט אָנגעשטעלט אירע צעשראָקענע אויגן אויף דעם קליי־נעם ווייסן פּנים׳ל פֿון דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט געקוקט אויף איר מיט גיפֿטיקן האַס: — נעם זיך צו דער אַרבעט, — אַ ניגער דאַרף וויסן זיין פּלאַץ... אָט־די שלייפֿעלעך מאַכן איך פֿרעך...

מיט נערוועזע צוקן אַרום די ליפּן האָט ליליען זיך שטיל אַרויס־געררוקט פֿון צימער. ביים אויסטאָן דאָס אַרבעטס־קליידל האָט ווי דורך כישוף איר אינערלעכער צאַפּל מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט. מיט אַ פֿאַרגליווערטער רואיקייט האָט זי זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אַנט־קעגן אין וואַנט־שפּיגל האָט זי אויפֿגעכאַפּט די נאָכפֿאָלגנדיקע בליקן פֿון דער דינער געשטאַלט. ווען ליליען איז שוין געשטאַנען אין דער

מינע סמאָלער

אָפּענער טיר, האָט זי זיך אויסגעדרייט און מיט א רואיקן פעסטן קול אַרויסגערעדט:

— מעם! מיין זונ׳ס פאַרגאָסן בלוט איז ריינער און הייליקער פאַר דיינעמס; מיין זון האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, ניט ווי די ווייסע לינטשערס!

דער טאָג האָט זיך געשטעלט א הייסער. די קליידער האָבן זיך גע־קלעפּט צום פאַרשוויצטן לייב. זי האָט זיך געשטעלט וואַרטן אויף אַן אויטאָבאָס. צוויי באַסעס האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט און אַרויפ־גענומען בלויז די ווייסע פּאַסאַזשירן, און פּשוט צוריקגעטריבן ליליען, ווייל די הינטערשטע אָפּגעזונדערטע באַנק איז שוין געווען פאַרנומען דורך אנדערע נעגערס. זי האָט געוואוסט אַז אויף דעם ראָג, וועט זי דאַרפן לאַנג וואַרטן ביז זי וועט קריגן איר אָפּגעזונדערטן פלאַץ. האָט זי אָנגעהייבן גיין ווייטער. אין האַלדז איז איר געוואָרן שטאַרק ענג און טרוקן, דער שטייפער צונג האָט מיט טרוקענער שאַרפקייט געריבן דעם הייסן גומען. זי איז פאַרבייגעגאַנגען אויסגעפּוצטע געשעפטן מיט אַלערליי פרישע פרוכט־זאַפטן, וועלכע האָבן נאָך מערער געוויצט איר דאָרשט.

מיט ביטערער איראָניע האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דעם אָנגעשפּי־ליעטן שלייפעלע אויף איר ברוסט. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט וועגן דער גרויסער באַגייסטערונג וואָס עס האָט געהערשט צווישן אירע שכנים , ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון איר טויטן זונ׳ס מעדאַל! — נאָענטע און ווייטע פריינט זיינען געקומען צולויפן מיט טרייסט פאַר איר און מיט אַן אייגענער דורכזיכטיקער פרייד! . . .

עס כאַפּט זי נאָכאַמאָל אַרום יענער פיינלעכער געפיל צו דעם גאַנצן טאַראַראַם אַרום דעם מעדאַל. און זי גיט איצט ווידער אַ טראַכט וועגן די אומפאַרשטענדלעכע ענדערונגען אין איר, — דאַן איז זי נאָך ניט געווען, ווי זי איז איצט — מיט אַ פאַרשלאָסן מויל, ווי אַ שווערע פאַר־גליווערטע לאַווע וואָלט צוגעדעקט איר צעפייניקטן געמיט. מיט עפּעס אַ פרעמדקייט צו זיך אַליין איז איר שווער אַרויסצוריידן אַ וואָרט. מיט אַ געפיל ווי ניט אָנצורירן אַן אָנגעווייטיקטן געשוויר, מיידט זי אויס ניט צו הערן דעם קלאַנג פון איר אייגן קול. אָבער דעמאָלט, פון אָנהויב, האָט עס זי געטריבן זיך צו פאַר׳שיבור׳ן מיט רייד. זי האָט ניט געוואָלט אָנערקענען די ביטערע ווירקלעכקייט, און זי האָט גע׳טענה׳ט צו אירע פריינט: — וועט דען אַט־דאָס שלייפעלע פאַרקלענערן מיין

זי האָט געוואַגט

צער, מיינע בענקשאַפטן און עלנטע טעג און שלאָפלאָזע נעכט? זי וועט זיך לייגן אָן טרייסט און אויפשטיין אָן האָפענונג. בלויז איין פאַרלאַנג האָט זי דאַן געהאַט: צו ליגן און ליגן אָן אַ סוף, — צו וואָס אויפשטיין? צוליב וועמען? — האָט זי מיט בייזקייט געענטפערט אירע פריינט אויף זייערע גוטע געטרייע רייד.

זי האָט דערפילט אַ מידע שוואַכקייט אין איר גאַנצן קערפּער. מיט זשעדנע בליקן האָט זי געכאַפּט אַלע מאָל אַ קוק צו די בענק לענגאויס דעם ים־ברעג. ווי אַ מאַגנעט האָט איר געצויגן אַהין זיך אַוועקזעצן, באַטש אויף אַ פּאָר מינוט.

— ווייסע לינטשערס! — זיינען מיטאַמאָל אַרויפגעשוואומען אין איר מוח. אַט־די ווערטער. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאַנט, אַז אַט־די ווערטער האָט זי אַט־ערשט געוואָרפן אין פּנים אַריין אַט יענעם ווייסן געשפּענסט, און נאָך ביי אַ ווייסן אויפן שוועל. זי רייבט מיט די פינגער דעם שטערן, — ווי האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ געוואַגטקייט? . . . און מיט די אויגן געווענדט צום הימל האָט זי שטיל געשעפּטשעט:

— זון מיינער! דיין גייסט האָט געוואַכט איבער מיר! איך האָב געוואַגט, מיין זון! און איך וועל ווייטער וואַגן! פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר אַלע! — האָט זי אין עקסטאַז, ווי אַן ענטפער צו אַן אַרויסרוף, אַרויסגעזאָגט אין דער הויך.

און זי האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אין דער ריכטונג, וואו עס לויפן באַסעס מיט גרויסע אויפשריפטן „בלויז פאַר קאָלירטע".